STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06518

UMVEGN UN OYSVEG

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אומוועגן און אויסוועג

(אַ פּרוּוו צו פֿאָרמולירן אַ ייִדישן וועלטבאַנעם)

א. גאָלאָמב

ארויסגעגעבן פון מחבר

וויניפעג, 1942

גערדרוקט אין
"דאָס אידישע וואָרט"
וויניפעג, מאנ., 1942
COPYRIGHT BY A. GOLOMB
Winnipeg, Canada

Printed by Israelite Press, Winnipeg, Canada

אלעמען וואָס זאָרגן
די זאָרג פון א יידישן מאָרגן;

אלעמען וואָס זעען דורך דעם בראַד פון מיליאָנען יידן
אויך דעם גורל פון יידן־פאָלק אין זיין גאַנצקייט;

אלעמען וואָס וויטאָקן דעם וויטאָק פון פאָלקס שכינה
— איז גלות גופא ביי די קינדער פון פאָלק;

אלעמען וואָס דורך בלאָנדזשענישן אויף פרעמדע
אומוועגן פון כמעט אלע קינדער פון פאָלק זעען
זיי אין ווייטע נעפּלען דעם איינציקן אייגענעם
אויסוועג פאַרן פאָלק, —

אלעמען זיי זאָל הלוואי דאָס שריפטל קלערער און נענטער
מאכן אָט דעם שווערן און אחריותדיקן אויסוועג.

הקדמה

דיינע וועגן מאך מיך וויסן,
דיינע שטעגן לערן מיך.
(תהילים, כ"ה, 4).

. . . צוליב וואס געשריבן? צו וואס די טירחה, דער אמרו און עפעס מער פון דעם? . . — איך ווייס אליין ניט, כ'ווייס נאר, אז עס מאטערט מיך, עס לאזט ניט אפ אפילו ווען עס ווילט זיך פארגעסן, און עס ווערט מיר גרינגער ווען מיר דוכט זיך, אז איך קען דעם קנויל געפילן און געדאנקען צעפלאנטערן, פארמולירן און ארויסברענגען אויפן פאפיר. ווי עמיצער וואס בלאנדזשעט אין א לאבירינט און אים דוכט זיך — אט, געכאפט דעם ריכטיקן אויסוועג!

וועלן זיין צווישן די לייענער אזוינע יידן וואס דאס שריפטל מיינס וועט אויך זיי גרינגער מאכן דעם קנויל געפילן און געדאנקען, וועט דאס זיין דער לוין. און אפשר וועט עס זוכה זיין, ביי עמיצן פון די לייענער, קלארער צו מאכן זיין וועג אין יידישקייט! — הלוואי. זאל עס אבער ניט בלייבן קיין "ליטעראטור" בלויז ווי א סך גרעסערע און בעסערע ווערק ביי אונדז, וואס ווירקן ניט אויף די געדאנקען, גלויבן און — בעיקר — מעשים.

ביים אנאליז פון די דערשיינונגען האב איך געזוכט די סאציאל־פסיכישע ווארצלען און פאקטארן, ניט די דירעקטע דרויסנדיקע אומשטענדן און באדינגונגען. די מאדערנע ביאלאגיע זוכט די גורלות פון לעבן ניט אויף די נאיווע וועגן פון לאמארקיזם, אפילו ניט לויט דעם איינאפכן בראשיתדיקן דארוויניזם אין דרויסנדיקע פאקטארן, וואס ווירקן כלומרשט דירעקט. די ביאלאגיע פארבינדט דעם גורל פון לעבן מיט אינעווייניקסטע נייגונגען און טענדענצן. א פשיטא שוין, זיינען די סאציאלע גורלות פון א פאלק אפהענגיק אין תוך פון די איינגעבארענע נייגונגען און לעבנס־טענדענצן. זיי ווערן בלויז מאדיפיצירט דורך די ארומיקע תנאים. אין אלע מאדיפיקאציעס אבער בלייבן די זעלביקע טענדענצן. וויל מען באגרייפן די געשיכטלעכע אנטוויקלונג פון א פאלק, מוז מען דערקענען זיינע פסיכישע אייגנטימלעכקייטן, כאראקטער. וויל מען זיך אריינטראכטן אין די צוקונפט־גורלות פון א פאלק, — מוז מען זיך באמיען פארויסצוזען ווי אזוי די כאראקטער־נייגונגען פון דעם פאלק וועלן רעאגירן אויף די באדינגונגען און אומשטענדן. עס וואלט געווים ניט געווען קיין מלחמה, ווען איניקע פעלקער וואלטן ניט פארמאגט אין זייער כאראקטער דעם עלעמענט פון קאמף־לוסט. אין די זעלביקע באדינגונגען וועלן צוויי פעלקער־שטאמען זיך אויסבויען א פארשיידענעם לעבן און א פארשיידענע צוקונפט, לויט די פון פריער באשטימטע אינעווייניקסטע לעבנס־טענדענצן (למשל, יידן און אוקראינער אין קאנאדע). ענדערן דעם געשיכטלעכן וועג פון

א פאָלק קען מען בלויז דורך טיפע "מוטאציע"־השפעות אויף אַט די לעבנס־טענדענצן אין כאראקטער פון פאָלק.

כ'האָב ניט קיינע מעגלעכקייטן צו באַגריינדן פעסט און איבערצייגנדיק דעם "היסטאָרישן פסיכאָלאָגיזם", אָבער פאַר זיך גלויב איך אין אים און ער דינט מיר פאַר זייער א פרוכטבארע "ארבעט היפּאָטעזע" ווי מען רופט עס אין דער וויסנשאַפט.

א גרויסער טייל פון דער ארבעט איז געווען געדרוקט אין די "יידישע שריפטן".

איך דריק אוים מיין דאנק דער רעדאקציע, פארוואלטונג און פערסאָנאַל פון "דאָס אידישע וואָרט" פאַר זייער פריינדלעכקייט און הילף.

א. גאלאמב.

27טער מאי, 1942, וויניפעג, קאנאדע.

אינהאלט

1טער טייל

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — 4

א. בבל קללה — — — — — — — — — — — — 9

ב. גלויבן און רעליגיע — — — — — — — — — — 10

ג. דער אויפקום פון דואליסטישן שקר — — — — — — — — 19

ד. דער גורל פון וויסנשאפט ביי אייראפעישע פעלקער — — — — 21

ה. דער גורל פון סאציאליזם, וואס איז געווארן ווי א רעליגיע — — 24

ו. ראלע פון דערציונג ביי פעלקער — — — — — — — — 29

ז. זיי און מיר — — — — — — — — — — — — 31

ח. א מעשה מיט צוויי חברים מיט א גרויסן מוסר־השכל — — — — 34

2טער טייל

ט. אפשטאם און אינהאלט פון וועלטלעכקייט — — — — — — 38

י. מקורים פון יידישיזם — — — — — — — — — — 48

יא. א גלויבן פאר יידן וואס איז ניט קיין גלויבן אין יידישקייט — — 62

יב. אונדזערע מחלוקות — — — — — — — — — — 63

יג. איטלעכע באוועגונג האט צוויי ריכטונגען — — — — — — 64

יד. פאלק אדער ערב־רב — — — — — — — — — — 67

טו. דער איינציקער קאמף אין יידישקייט — — — — — — 70

טז. די שוואכקייט פון היינטיקע פרושים — — — — — — 76

יז. אן א גלויבן — פעסימיזם; גלויבן איז אפטימיזם — — — — — 78

יח. די היינטיקע יידישקייט הלכה למעשה — — — — — — 82

יט. און באחרית הימים — — — — — — — — — — 87

װטער טײל

גלױבנס און רעליגיעס

א. בבל־קללה

צווישן די קללות אז א צאל פון דער גאנצער תוכחה וואס האט זיך אויף אונדז א גאס געטאן איז איינע פון די שווערסטע דאס, וואס די קוילן פון אונדזערע שונאים האבן געטראפן ביי אונדז ניט קיין געפאנצערטע נשמות. קיין געפאנצערטן גוף האבן מיר קיינמאל ניט פארמאגט. מיר האבן אבער אפט געהאט א געפאנצערטן גייסט און ער איז תמיד געווען שטארקער פון אלע געפאנצערטע גופים. קיין שום געפאנצערטער גוף, ווי שטארק ער זאל ניט האבן געווען האט ניט אויסגעהאלטן די קלעפ פון דער געשיכטע. אונדזער געפאנצערטע נשמה האט עס יא באוויזן.

האבן מיר אבער פארלארן אויך דעם גייסטיקן פאנצער. איז אט איז דעם די שווערסטע קללה. ווי אזוי איז עס געשען? — עס האט זיך אונדז געחלומט א גאלדענער אוצר, האבן מיר זיך אויפגעכאפט, ניט אונטערשיידט צווישן חלום און וואר, ארויסגעכאפט זיך פון אונדזער גייסטיקער היים און זיך געלאזט נאכן אוצר. איז אבער דער אוצר געווען א חלום בלויז און דאס אנטלויפן פון דער היים — א ווירקלעכקייט. זיינען מיר געלאפן און געלאפן.. אונדזער היים אינגאנצן פארלארן. האבן מיר בלעכלעד גלאנציקע געפונען, פוצן מיר זיך מיט זיי, גרייסן מיר זיך מיט זיי. פארלארן די געמיינזאמע היים, האבן מיר אויך פארלארן די שפראך פון געמיינזאמער פארשטענדיקונג. ריידן מיר פון די געפונענע בלעכלעד ארוים, יעדערער מיט אן אנדער לשון, כאטש פארמעל ריידן מיר אלע מיט די ווערטער פון אונדזער שפראך. ריידן מיר און ריידן, שרייבן מיר און שרייבן — און מיר פארשטייען זיך ניט. אן אמתע בבל־צעמישעניש. דאכט זיך — די זעלביקע באקאנטע, היימישע ווערטער, און דאך קאנען מיר זיך ניט פארשטיין און ווי דער שטיינער איז פון שטומע, וואס קענען זיך ניט צונויפריידן, איז מען ברוגז, אין כעס, איינער אויף דעם צווייטן און יעטווידער אויף אלעמען. זיינען מיר — אויך אלע יידיש־ריידער, יידיש־דענקער און יידיש־שרייבער — גייסטיק צעשטויבט, ווי זעמדעלעך אז א באהעפטונג צווישנאנאנד. דען כדי זיך צו פארשטיין איז גאר ניט גענוג און עס איז אויך ניט נייטיק לגמרי צו פארמאגן א גרויסע צאל ווערטער מיט די זעלביקע טייטשן. ביי א געמיינזאמען ווילן, ביי א געמיינזאמען שטרעבן קען מען זיך פארשטיין אן געמיינזאמע טייטשווערטער. איז אזא געמיינזאמקייט אין ווילן, שטרעבן ניט פאראן, וועט אונדז קיין שום קלארקייט אין שפראך ניט העלפן. אז מען וויל איז גענוג א ווונק, א סימן בלויז, — און מען פארשטייט זיך שוין. מיר פארשטייען זיך ניט, ווייל עס פעלט אונדז די נאענטקייט און געמיינזאמקייט אין ווילן און שטרעבן. אט אזא געמיינזאמ־

קייט, קרובישקייט אין גייסט קען זיך שאפן און אנטוויקלען אין א געמיינזא־מער היימישקייט. היות אבער מיר האלטן אין איין לויפן פון זיך, פון אונדזער היים, פון אלץ, פון וואס מיר שטאמען, האבן מיר פארלארן אויך די פעאיקייט זיך קאנגזייטיק צו וועלן פארשטיין. ריידן פון אונדז אלעמען ארוים די בלעכלעך, וואס מיר האבן געפונען, די שערבלעך פון פרעמדע כלים, וואס מיר האבן זיך מיט זיי אויסגעפוצט. בענקען מיר אלע, זוכט די נשמה עפעס און אין די בלעכלעך אונדזערע געפינען מיר גארנישט, וואס עס זאל אונדז קענען העלפן. עפעס רעגט עס אונדז אויף נאך שטארקער, ווערן מיר נאך מער איין כעס, ברוגז.

און יעטווידער איינער דערמאנט דעם צווייטן דאס וואס מיר ווילן פון דעם אנטלויפן, זיינען מיר געגליכן צו אן איבערגעהיצטן דאמף, וואס זיינע מאלעקולן זיינען אנגעלאדן מיט אן אומבאגרעניצטער, קעגנזייטיקער אפשטויס־קראפט, אפילו ווען מען איז צונויפגעפרעסט זייער געדיכט. דא ליגט די ערשטע קללה אונדזערע: מיר האבן זיך דערווייטערט פון אונדזער היים — פון דעם אלעם, וואס עס איז די נשמה פון פאלק, פון דורות פעסט־געשטעלטער יידישקייט, — האבן מיר במילא אויך פארלאזן אונדזער גייס־טיקע קרובהשאפט; א בבל־צעמישונג איז אויף אונדז געקומען "און איינער פארשטייט ניט די שפראך פון זיין חבר".

ב. גלויבן און רעליגיע

איז דער ערשטער טריט דארף זיין ביי אונדז צוריק צום אויסגאנג־פונקט, צוריק "אהיים", צו דער יידישער היימישקייט, וואס אין איר שוים זיינען מיר אויסגעוואקסן. אט די נייגונג "צוריק צום אויסגאנג־פונקט" האט ביאליק אמאל באצייכנט ווי א צוריקקער צו יידן וואס היטן אפ מצוות. פאר מיר אין דעם מאמענט דא זיינען ניט וויכטיק די מצוות גופא: פאר מיר איז וויכטיק די גאנצע באגריפן־וועלט די היימישע, דער געדאנקען־גאנג און פארשטעלונג, וואס זיי צוזאמען גיבן יעדן מענטשן זיין נאציאנאלן פרצוף, זיי באשטימען זיין אנגעהעריקייט צו זיין פאלק און גייסטיקער היים. לאמיר אויפהערן צו ריידן פון בלעכלעך ארוים.

איינס פון אט די בלעכלעך, וואס האבן אונדז צעטומלט און צעפלאנטערט, איז "רעליגיע" און "וועלטלעכקייט". ניט געווען ביי יידן קיין באגריף "רעליגיע" און עס איז אויך ניט געווען דער אינהאלט פון אזא באגריף. ביי יידן, ביי "היימישע" יידן איז געווען יידישקייט א לעבנס־פיר, וואס האט אין דעם גאנצן לעבן אפגעטיילט און אפגעשיידט יידן פון אלע פעלקער, ביי יידן איז געווען א גלויבן אבער ניט קיין רעליגיע. דאס האבן די משכילים, די רעפארמיסטן, די יאהודים אלערליי, די אויפגעקלערטע און אויך מיר, די וועלטלעכע יידן, — געוואלט ניט אנדערש מזכה זיין דאס יידיש פאלק מיט רעליגיע, פארוואנדלען יידישקייט אין א רעליגיע א־לא

אנדערע פעלקער מיט זייערע רעליגיעס. און עס קען ניט זיין : אדער יידישקייט איז א גלויבן און א לעבנס־שטייגער אדער עס איז קיין יידיש פאלק ניטא. רעליגיע און דאס זען יידן דורך רעליגיעזע ברילן — דאס איז א בלעכל, וואס מער ווי צרות האבן מיר פון דעם ניט געהאט.

לאמיר זיך באמיען קלאר צו מאכן דעם אונטערשייד צווישן גלויבן און רעליגיע, כאטש . . . שוין, דוכט זיך מיר, זע איך פאר זיך צווישן די אויסדערוויילטע, וואס לייענען יידיש, צווישן די אויסדערוויילטע שבאויס־דערוויילטע, וואס אינטערעסירן זיך מיט אט דעם מין פובליציסטיק . . . ברוגזע פנימער : דאס שטימט ניט מיטן גלאנציקן בלעכל, וואס מיר האלטן זיך מיט אים צענדליקער יארן. און אין אמעריקע מוז א שרייבער גלעטן דעם לייענער, ניט קריטיקירן זיינע געטער און געצן, ווי יעדער פארקויפער מוז אלץ באפרידיקן און צופרידנשטעלן, חלילה ניט דערצערענען זיינע קאסטא־מערס . . . זע איך דעם כעס פון די לייענער. אבער איך קען מיך ניט העלפן צו זוכן צו געפינען חן ביי די לייענער ווייל . . . דאס וואס איך שרייב איז מיין גלויבן, ניט מיין רעליגיע.

רעליגיע איז קודם־כל א טעאריע, א סיסטעם, א פילאזאפיע, א סכום גלאט געהובלטע, געמייסטערטע אידייעס און פרינציפן, גלויבן איז גאר א סכום עמאציעס, איבערלעבונגען, דראנגען, פארלאנגען, טרוימען ביז זיכערקייט — ביז — גלויבן.

רעליגיע איז א קלאר פארמולירטער באנעם. קען אזא האבן קאטעכיזמען, פאראגראפן, פרינציפן, פארמולעס, פונקטן געסדרטע, וואס מען האלט פון זיי א באשטימטע צייט פון טאג, צי פון יאר . . . "וואס צו גאט — איז צו גאט און וואס דעם קיסר איז פארן קיסר". גלויבן איז אבער קודם־כל עמאציאנעל, זיין זיכער איז עפעס וואס דארף זיין. באגערן דאס מיטן גאנצן הארצן, בכל לבבך, ווארטן און טרוימען דערפון, אז עס מוז קומען. פארלאנגען און בענקען אן שום חשבונות און אן אנאליזן און באווייזן, מיט לייב און לעבן.

דער גאט פון רעליגיע קען זיך באנוגענען מיט א באשטימטער "גאטעס דינסט", וואס געדויערט א באשטימטע צייט און ער לאזט זיינע געטרייע דינער פריי ביז דעם צווייטן גאטעס דינסט. דער גלויבן אבער לאזט ניט אפ זיינע גלייביקע קיינמאל ניט טאג און נאכט, כל זמן מען קען זיך ניט באפרייען פון זיך אליין. יעדע רעליגיע איז דואליסטיש : וואס צו גאט איז באזונדער און וואס צום לעבן — ווידער באזונדער. גלויבן קען זיין נאר מאניסטיש בכל לבבך ובכל נפשך. *)

*) דערפאר טאקע האבן אלע וואס האבן געגלוסט באפרייען זיך פון יידישקייט, קודם־כל זיך באמיט אריבערצופירן יידישקייט אין דער קאטעגאריע פון רעליגיעס, כדי מען זאל קענען האלטן פון יידישקייט און לעבן ווי ניט־יידן.

פאר דעם גאט פון רעליגיעס דעם קלארן און דייטלעכן קען מען פירן דיספוטן, באווייזן, אויפווייזונגען און דערקלערונגען, מילחמות מיט דער שווערד און מיטן ווארט. פאר דעם גאט פון גלויבן אבער, "וואס וואוינט אין די נעפלען", און איז אומבאשטימט ווי די שטורעמס אין ברויזיקע הערצער, פאר אים קען מען ניט קעמפן מיט שפיציקע געשארפטע לאגישע ארגומענטן, פאר אים קען מען בלויז זיך מקריב זיין, אייקגעבן ס'לעבן, קידוש השם.

בכלל איז דער "גאט" פון גלויבן ניט ענלעך צום "גאט" פון רעליגיע. דער גאט פון גלויבן קאן ניט פראיעצירט ווערן אויסער דעם מענטשנס נשמה, ערגעץ אין דער אביעקטיווער וועלט — ניט פון א פלאטאן און אפילו ניט פון א שפינאזע. דער גאט פון גלויבן קען דעריבער ניט האבן קיין אביעקטיווע, קלאר דעפינירטע אביעקטיווע אייגנשאפטן, אטריבוטן, ווי דער גאט פון רע־ליגיע קאן עס פארמאגן: אין זיין גאנצער, פארענדיקטער, שלימותדיקער, פראקטיקייט. דאס אלץ וואס עס איז מיין טיפסטער אינטימער באגער, אלץ נאך וואס איך בענק און איך וואס איך גלויב איז גאט. אלע כלומרשטע אב־יעקטיווע אטריבוטן פון גאט, זיינען אויסטראכטונגען פון שכל, אויסגע־מוסטערט פון קונסט, — א גאט אבער טאר מען ניט אויסטראכטן, טאר מען ניט מייסטערן.

רעליגיעס האבן פון תמיד אן זיך באמיט צו פארמולירן זייער גאט און פורעמען אים אין קלארע שטריכן אין ווארט און אין שטיין, אין גאלד און אין סימבאל. א גלויבן אבער וויל ניט און האט גאר מורא ארויסצושטעלן דעם גאט פון אייגענעם הארצן אין קאלטע פארקערפערונגען, וואס אטעמען שוין מער ניט מיט מיין אטעם. רעליגיעס ווי פארטייען קען מען בייטן, א גלויבן באהערשט דעם מענטשן אינגאנצן.

א רעליגיע קען מען אננעמען, א גלויבן מוז אויסוואקסן אינעווייניק. דעריבער טאקע האבן יידן ניט געהאט קיין גרויסן צוטרוי צו גרים. אויף א משומד איז פאראן א יידיש ווערטל, אז אדער ער איז לכתחילה געווען א גוי אדער זיין שמד איז א ליגן; אדער ער נארט אפ איין גאט, אדערביידע. דעריבער האבן יידן אויך קיין צוטרוי ניט צו בעלי־תשובה און פון דאנען שטאמט עס דאס באקאנטע פשטל, אז דאס וואס די גמרא זאגט "צוזאמען מיט בעלי תשובה קענען אפילו קיין אמתע צדיקים גמורים ניט איינשטיין" (במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד בו), — איז דאס דערפאר, ווייל . . . פון א בעל תשובה הערט זיך א שלעכטער ריח. רעליגיעס שאפן פארטייען, גרופעס, — גלויבנס שאפן שבטים, פעלקער. זיי זיינען גורלדיק. מען קען זיך פון זיי ניט באפרייען. מען לעבט מיט זיי און מען שטארבט מיט זיי.

רעליגיעס האבן ארגאניזאציעס, היערארכיעס פון דינער, אנגעשטעלטע,

כוהנים. די ווייסן קלאָר וואָס און ווי אַזוי צו טאָן, זיי האָבן זייערע קאָדעקסן, געזעצן, קלאָר־פאָרמולירטע. גלויבנס האָבן נביאים, וואָס שרייען פון וויטיק, וואָס לויפן אין מידבר אַנטלויפנדיק פון זיך אַליין, פון פייער, וואָס ברענט זיי אין די ביינער ניט צו פאַרלעשן: אָט שילטן זיי און אָט בענטשן זיי, אָט גיסן זיי אַ תוכחה און אָט קושן זיי די וואונדן און שפּאַנען זיך איין אין יאָך, וואָס אַנדערע האָבן קעגן זייער נבואה אַרויפגעצווונגען. דער כוהן איז רויק און זיכער, דער נביא רעדט און שרייט און האַלט אין איין איבערחזרן זיך און אַלעמאָל דוכט זיך אים, אַז ער קען ניט ריידן, קען ניט פאָרמולירן זיינע געדאַנקען. אָט פאַרוואָס משה דער פאָטער פון אַלע נביאים איז געווען דער "כבד פה" — דער שטאַמלער און דער "ברילִיאַנטענער" רעדנער איז געווען אהרן, דער כוהן צו גאָט, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ גאָלדענע קאַלב ווען די "אומשטענדן" און דאָס פאָלק האָבן דאָס געוואָלט. אַ כוהן דינט צו עמיצן, צו מענטשן; אַ נביא אָבער דינט צו זיין אידייע, צו זיין גאָט. דער כוהן האָט אין זינען די מענטשן ווען ער דינט אין נאָמען פון דער אידייע. דער נביא האָט אין זינען די אידעע, וואָס צוליב איר שטעלט ער זיך אין פאַרבינדונג מיט מענטשן. איז רעליגיע אַ שאַפונג פון פעלקער עקסאַגענע וואָס פּראָיע־צירן ערגעץ אויסער זיך אויף אָביעקטן. זיינען גלויבנס דורך און דורך ענדאָגענע שאַפונגען. דעריבער האָבן רעליגיעס געשאַפן קונסטן און פילאָ־זאָפיעס און גלויבנס האָבן געשאַפן — אַ קאַפּיטל תהילים פון אַ "שטומער נשמה" און — נבואה. דעריבער האָבן פעלקער געהאָדעוועט פון אייביק אָן די קונסט פון ריידן, פון כאָרן און דעקלאַמאַציעס — פאָרמע, זשעסט, קלאַנג, און גלויבן האָט וועגן דעם פאַרגעסן כאָטש ווו נאָד האָט וואָרט געהאַט אַזאַ כוח — נביאים, מגידים אא"וו. "גאָט דאַרף ס'האַרץ" און ניט די שיינע רייד. דעריבער האָבן רעליגיעס און פעלקער מיט רעליגיעס געשטרעבט צו פאָרמו־לירטער גאַנצקייט, צו פאַרענדיקטקייט. גלויבן און פאָלק פון גלויבן האָבן מורא געהאַט פאַר פּיקסירטקייט און פאַרענדיקטקייט, ווייל מען מוז דאָך לאָזן אַ פרייען אָרט פאַר האַרץ, פאַר הערצער וואָס וועלן קומען. רעליגיע איז אַן אויפבוי פון מענטשנס גייסט. געביידעס קענען זיין מאַטעריעלע און גייסטיקע, פאַרקערפּערטע אין מאַטעריע. גלויבן איז ניט קיין אויפבוי, נאָר די דראַנגען און סטימולן אין מענטשן, וואָס זיי טרייבן צו שאַפן, צו בויען.

עס ווילט זיך מיר טראַכטן, אַז דווקא אָט אַזוי האָבן די נביאים באַגריפן זייער גאָט. האָבן זיי טאַקע אים געקרוינט פאַר דעם אוניווערסאַלן שעפער פון גאָר דער וועלט, אָבער אין תוך אַריין, אין זייער געפיל האָבן זיי געפילט "גאָט" ווי דעם גאַנצן סכום איבערצייגונגען און איבערלעבונגען פון אַל דעם גערעכטן און רעכטפאַרטיקן, וואָס רעדט און רופט און מאָנט און וועקט, און שטראָפט און טרייסט פון זייער אייגענעם האַרצן אַרויס, וואָס וויינט און פרייט זיך מיט זיי צוזאַמען. און ווייל ביי יידן איז גלויבן געווען תמיד שטאַרקער פון רעליגיע, דעריבער אויך האָט "טאַטע האַרציקער", "אבינו שבשמים" תמיד גובר געווען דעם "בורא שמים וארץ". דעריבער טאָר ניט זיין קיין יידישער גאָט נאָר אין די הערצער פון יידן. ווילט איר

דערקענען דעם יידישן גאָט, זוכט וואָס איז "דאָס הייליקסטע אין ישראל", און היות ווי דורות בייטן זיך, בייט זיך אויך מיט זיי צוזאַמען זייער גאָט. און ער בלייבט תמיד איינס מיט זיין פאָלק און זיין תורה. קיינע טעאָלאָגיעס, קיין שום גאָטהייט, וואָס מען דאַרף אין דעם גלויבן, נאָר פאַרקערט דאָס אַלץ אין וואָס דאָס פאָלק גלייבט, דאָס איז זייער גאָט. גלייבט דאָס פאָלק איז זיין גורל, אין זיין פיין און לײדן, אין זיין אײנזאַמקייט צווישן פעלקער, אין זיין לעצטגילטיקער גאולה, וואָס מוז קומען, וואָס וועט קומען, ווייל גערעכטיקייט און אמת מוזן זיגן — פאַרן פאָלק און פאַר גאָר דער וועלט, — ווערט אַט דער גאַנצער גלויבן דער גאָט פון פאָלק, די שכינה פון פאָלק און פון גאָט צוזאַמען . . . ווו איז דאָ אַן אָרט פאַר אַ טעאָלאָגישן גאָט אומאָפּהענגיק פון זיין פאָלק?

דעריבער האָבן יידן תמיד מיט פחד געקוקט אויף קבלה און אויף אנדערע באַמיאונגען צו זוכן מה למעלה, מה למטה. גייט מען זוכן גאָט ערגעץ אין די זייטן, מוז מען "נפגע" ווערן, עס מוז פאַרשאַדן.

דערפאַר אויך האָט די יידישע טראַדיציע ניט געוואָלט אַקצעפּטירן קיין רעליגיעזע פילאָזאָפיעס. אין די עראַטישע "שיר־השירים" פאַררעכנט פאַר קודש־קדשים און קוהלת איז גאָר ניט אַזוי גרינג אַריינגעגאַנגען אין תנ"ך. אויך ווייטער זיינען אַלע יידישע פילאָזאָפישע סיסטעמעס געשאַפן געוואָרן בלויז אונטער פרעמדע השפעות. אַזוי פון פילאָן אין דער פאַרצייטיקער אַלעקסאַנדריע און ביז דעם כמעט הײנטצײטיקן הערמאַן כהן אין מאַרבורג. אַ פאָלק האָט געלעבט מיט ספרים טאָג און נאַכט און האָט ניט אויסגעקליבן פאַר אַ פאָלקס ספר קיין פילאָזאָפיש ווערק פון זיינע גרעסטע אויטאָריטעטן אפילו — ניט פון סעדיה גאון, ניט פון רמב"ם אַליין, נאָר דווקא אַ ווערק פון אַ צווייטער מדרגה פון אַ מחבר פון אַ דריטער מדרגה. דאָס איז דער "חובות הלבבות" — חובות פון הארצן. שיר השירים, תהילים — ליריק, סיפורים, מעשיות און משלים מיט אַ מוסר השכל, דינים און מינהגים — דאָס איז די ליטעראַטור פאַר אַ פאָלק מיט אַ גלויבן, וואָס קאָנצענטרירט זיך ענדאָגען, אויף האַרץ, געפיל, איבערלעבונג. עפּיק, ראָמאַן, פילאָזאָפיע — פּאָלקאָמענע שיינקייט, פאָרמע וואָס אונטערהאַלט — דאָס איז ליטעראַטור פאַר פעלקער וואָס זיינען אויסגעוואַקסן מיט רעליגיעס. עס איז פאַרן מענטשן, ניט אין מענטשן, עס איז עקסאָגען. רעליגיע איז פאַר די מענטשן פון הײנט. גלויבן ווייל דערהייבן די מענטשן צום גאָט פון מאָרגן. איז גלויבן פאַרבונדן מיט שטרעבונגען צו כסדרדיקער אינעווייניקסטער פאַרבעסערונג. איז גלויבן תמיד פאַרבונדן מיט דראַנגען־פאַרלאַנגען צו אַן עולם הבא, עפּעס צו אַן אַנדער וועלט, וואָס דאַרף, וואָס וועט, וואָס מוז קומען. דער הײנט, די עולם הזה איז בלויז אַ צוגרייטונג — אַ פּרוזדור, קיין ווערט פאַר זיך האָט ער ניט. רעליגיע אָבער איז אין לעצטן סך־הכל עולם הזהדיק : מיט דעם ריידן וועגן מאָרגן דאַרפן מיר באַפרידיקן דעם הײנט. פאַר רעליגיע איז דאָס געגאַרטע שוין געקומען, דאָס פאַרלאַנגטע איז שוין פאָרמולירט און געזאָגט געוואָרן

און דאָס איז שוין אַלץ. פאַר א גלויבן מוז דער משיח, דער אידעאַל, זיין אַלץ שפּעטער, אין ווייטן גלויבן, און דער אמתער משיח — נאָך שפּעטער. רעליגיעס קוקן מיט פאַרגעטערונג צום געוועזענעם, גלויבנס זוכן דעם באַשערטן אַלץ פאָרויס. האָט פאַר רעליגיע דעם גרעסטן ווערט די פאָרמולירונג און אויספורעמונג, די פאַרקערפּערונג פון דעם שוין אַנטפּלעקטן. האָבן אָבער פאַר א גלויבן דעם גרעסטן ווערט בלויז די אינעווייניקסטע באַגערן, וואָס אין מענטשנס נשמה, זיינע שטרעבונגען. דער גלויבן מאַכט דאָס מאָראַלישע אין לעבן צו א הייליקייט, א "חלק אלוה ממעל" — א געטלעכקייט, ווערט דעם מענטשנס לעבן בכלל טייער, הייליק. יעדערנס נשמה טראָגט דאָך גאָט אין האַרצן.

דאַרפן רעליגיעס באַפרידיקן דעם דראַנג פון מענטשן זיך אָפּצורוען פון טאָג־טעגלעכקייט. איז רעליגיע א מין פאַרווייַלונג און אונטערהאַלטונג. איז רע־ליגיע ווי אַלע אַנדערע פאַרווייַלונגען פאַרבונדן מיט שפּיל און פאָרשטעל און אויב "אַלץ פאַרן מענטשן", טאָ איז מענטש דער וואָס קען עס דערגרייכן. די איבעריקע גייען אַריבער אין דער מדרגה פון זאַכן וואָס דאַרפן פאַרן מענטשן דינען. פון דאַנען—קנעכטשאַפט—הרגענען מענטשן אין צירקן צוליב פאַרגע־ניגן, צושמידן לעבעדיקע מענטשן—קנעכט, פערד, מאַשינען—רודערער צו די ווענט פון שיפן כדי זיי זאָלן פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיט די ווענט פון שיף אין א מלחמה, צי דערטרונקען ווערן אין שטורעם,—איז קנעכטשאַפט א נאָרמע. דער ציל און זינען פון אונדזער קאָלעקטיוון לעבן איז דאָך ערגעץ אין אָביעקטן, אין זאַכן, אין רייכטימער, וואָס מיר שאַפן. מענטש האַלט טייער, דינט און "בוקט זיך צו די טוונגען פון זיינע הענט". איז קנעכט און זעלנער. אַלע זיינען בלויז א מיטל, מער ניט.

האָט דער גרויסער אַריסטאָטעל אַן ספיקות באַרעכטיקט קנעכטשאַפט. אָבער אפילו דער קלענסטער פון די נביאים פלעגט אויפגרוילן פון צאָרן ביי יעדן געדאַנק וועגן קנעכטשאַפט, וועגן פאַרשקלאַפונג פון א מענטשנס נשמה בכלל. האָט דער גרויסער פּלאַטאָן, דער טרוימער פון אַן אידעאַלער וועלט, אין זיין אוטאָפּיע אַריינגענומען דעם אינסטיטוט פון קנעכטשאַפט, פון צעטיילן די געזעלשאַפט אויף העכערע און נידעריקערע, אויף רעגירער און רעגירטע, אויף הערשער און רעכטלאָזע באַהערשטע. האָט אָבער א ירמיהו, דער קלאָגער אויפן חורבן, ניט געקענט פאַרגעסן די עוולה פון קנעכטשאַפט. האָט עס דער פּראַקטישער, "קאַלטער" נחמיה, דער ווידער־אויפבויער פון ירושלים, ווידער ניט געקענט דערלאָזן: בויען דאַרפן פרייע מענטשן, ניט קיין קנעכטישע נשמות. רעליגיע און קנעכטשאַפט זיינען קינדער פון איין פעלקער־פּסיכישן אָפּשטאַם. גלויבן מיט קנעכטשאַפט קענען זיך ניט פאַרן. רעליגיעס האָבן ליב קרבנות, אויך מענטשלעכע קרבנות, זיי פאָדערן קרבנות פון מענטשן אַנדערע (ניט זיך) מיט פּוץ און צערעמאָניע. גלויבנס ווייסן נאָר פון איין מין קרבן — מקריב זיין זיך אַליין . . . און ווייל יעטווידע רעליגיע איז דואַליסטיש, איז באַזונדער, אָפּגעטיילט פון לעבן, דעריבער

קענען זיך פאַרן קריסטלעכע רעליגיעס מיט קרייצצוגן, מיט אינקוויזיציעס — רעליגיעזע פרומקייט מיט רציחה און בלוטדורשטיקייט.

זאָל נאָר זיין גאַנץ די צערעמאָניע, זאָל נאָר זיין פּראַכטפול דער סימבאַל פון קריסטלעכער ליבע, זאָל זיך דאָס פאָלק קענען אַנזעטיקן מיט דער סימבאַליק, מיט עסטעטישער אויסגעפּוצטקייט, כדי שפּעטער צו זיין פריי און זיך קענען אַנזעטיקן, אַנשיכורן מיט אַנדערע אינסטינקטן.

דעריבער איז פאַר א רעליגיע און פאַר פעלקער פון רעליגיע א לוויה, א קבורה—א צערעמאָניע, א פּראַצעסיע, א פּאַראַד, אַפּט באַגלייט מיט מאָלצייטן און סעודות. עס איז די זעלביקע צערעמאָניע וואָס ביי קרבנות, מער ניט, וואָס דאָרטן פלעגט מען נאָך צו אַלע טיילן פון פּאַראַד צוגעבן נאָך איינעם — דאָס טייטן דעם קרבן. איצט מוז מען וואַרטן ביז דער קרבן שטאַרבט אַליין, אָדער ביז מען געפינט א גוטן תירוץ מען זאָל "מעגן" טייטן דעם קרבן (אינקוויזיציע, משפּטים) און דער פּאַראַד איז גאַנץ. פאַר א גלויבן איז דער טויט — א גרויזאַמער איבעררייס פון לעבן און גלויבן. און די לוויה — בלויז טרויער, קריעה און "צדוק הדין" — "גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט". דען גלויבן מוז בלייבן פאַרבונדן מיט לעבן. און גלויבן ביי לעבעדיקע מוז זיין שטאַרקער פון טויט. פאַר גלויבן און מענטשן פון גלויבן איז יעדער דואַליזם — ליגן, צביעות, אחד בפה ואחד בלב. האָט דער אויסדריקער פון יידישן גייסט — פּרץ — זיי אַלעמען געלאָזט גריסן אין זיין "די פרומע קאַץ". האָט ער געשילדערט, ווי דער מקור פון אַל דאָס בייז, דעם דואַליסטישן מקובל אין "יוחנן וואַסערטרעגער". אַט איז דעם דואַליזם פון גרויסן לערנער הערט זיך סמאַלע, גייען פון אים אַרויס פייער־צונגען וואָס קענען פאַרברענען, חרוב מאַכן—דואַליזם איז א חורבן. און העלפן, ראַטעווען קען בלויז — די פּשטותדיקע גלייביקע גאַנצקייט. האָט פּרץ אָפּגעשיקט אין גיהנום אַריין דעם באַרימטן פרומען ר' לייבעלע קאַנסקאַוואָלער, וואָס אַלע הימלען בענקען נאָך אים — בלויז פאַר דואַליזם. אויב גלויבן איז נאָר אינגאַנצן, בכל לבבך, אין האַרצן קען זיין בלויז איין גאָט און ניט מער. גלויבן און רעליגיע זיינען צוויי גייסטיקע וועלטן פאַרשיידענע און וויטע, צוויי פּאַראַלעלע וועלט־ליניעס, וואָס קענען קיינמאָל זיך ניט צוזאַמענגיין.

רעליגיעס זיינען תמיד פאַרבונדן מיט צערעמאָניעס, מיט שפּיל און פאַרשטעל. שפּילן קען מען זיך אין עפּעס, מיט עפּעס. מוזן רעליגיעס האָבן סימבאָלן — קאָנקרעטע, גשמיותדיקע זאַכן. און די נאַטור פון קאָנקרעטע סימבאָלן איז צו זיין שטאַרקער פון זייערע סימבאָליזירטע אַבסטראַקטע אידייען. פאַרגעסן מענטשן די אַבסטראַקטע סימבאָליזירטע אידייען און בלייבן ביי די קאָנקרעטע סימבאָלן, אַזוינע קאָנקרעטע זאַכן, וואָס זייער אידייע איז פאַרגעסן, זיינען שוין געצן. אַלע רעליגיעס האָבן אין זיך מער אָדער ווייניקער געצנדינערייי. אידייען זיינען געטער. זאַכן זיינען געצן. דינט מען אין די הייַמען פּריוואַט צו די געצנאַרטיקע באַקוועמקייט־זאַכן און אין

קאלעקטיוו דינט מען צו לענדער, גרענעצן, פאלאצן, דינאסטיעס, רייכטימער, ווערק, היינט נאך מער ווי אלעמאל ווערן מענטשן אין די מיליאנען געבראכט פאר א קרבן צו אט די געצן צו וועמען א וועלט מיט פעלקער דינען. בלויז אין א גלויבן, ניט אין א רעליגיע, קען מען זיך קאנצענטרירן אויף גייסט, אויף אידייע, אויף אינעווייניקסטן געפיל און איבערלעבונג — אויף גאט. גאט און ניט קיין סימבאל. גאט און ניט קיין געץ.

איז ביי יידן גאט — אט די שעפערישע שטרעבונג, דער דראנג צו אייגענער דערהייבונג, דער גייסט און גלויבן וואס איז דעם מענטשן גופא, די הייליקסטע פון זיינע אידעעס.

איז ביי ניט־יידן גאט — א זאך, אן אביעקט, א פערזאן, וואס עס איז גוט אין זיי צו גלויבן. צוויי וועגן: זאכן אדער שטרעבונגען; פערזאנען אדער אידעעס — ענדאגענע אדער עקסאגענע וועלטן.

גלויבן רעדט און וויל מיט ווערטער ברענגען צו מעשים; ווערטער אן מעשים זיינען א פארשוועכונג, א חילול הקודש. די בעסטע ווערטער, ברכות וואס ברענגען ניט קיין מעשים נאך זיך זיינען א "ברכה לבטלה". אנשטאט א מיצווה ווערן זיי גאר אן עבירה. פאר רעליגיע אבער איז "פון אנפאנג איז געווען דאסווארט . . . און ווארט איז געווען גאט". דען איז אט דעם שיינעם, הייליקן יידן איז שוין פאראן די באפרידיקונג פון דראנג צו גאט. מיט די הייליקע ווערטער דינען מיר אפ צו אונדזער גאט, צאלן מיר אפ אונדזער חוב צו אים, כדי נאך דעם צו קענען פירן א לעבן אומאפהענגיק פון אונדזער אייגענער רעליגיע. צוויי לעבנס לעבט אזא מענטש: רעליגיעז אויסלעבן זיך און זיין פריוואט לעבן זיינען באזונדער. זיינען רייד און מעשים, — ארויסזאגונגען און ס'אייגן לעבן ניט פארבונדן לגמרי, וויל מען גארניט זיי פארבינדן. איז דאס א מין סאציאלער ליגן — צביעות ביז מען ווערט פארגלייבט, אז אזוי דארף זיין. מען שעמט זיך שוין גארנישט. מען פריידיקט איינס און מען טוט — דאס צווייטע. מענטשן מיט א גלויבן קענען זיך קיינמאל ניט צוזאמערניידן מיט מענטשן פון רעליגיעס. די ווערטער קענען זיין די זעלביקע, אבער די אימפולסן, דער לשם יחוד פון די ווערטער איז גאר א פארשיידענער. וואס קענען העלפן גלייכע ווערטער, אז עס ציט איז לגמרי ניט קיין גלייכע וועגן?

רעליגיע־פעלקער זיינען אלע דואליסטיש. אויסער זייער רעליגיע האבן זיי נאך אנדערע נאציאנאלע אטריבוטן. קענען דאס זיין: מלוכה, לאנד, נאציע, רייכקייט, ארגאניזירטע באקוועמקייט אין לעבן, קאלעקטיווער שטייגער או"וו. די אטריבוטן קענען אמאל דערגיין ביז צו ווערן א גלויבן, דער גלויבן פון פאלק. רעליגיע איז בלויז א צולייג, א צוגאב, אן אפענדיקס

צום לעבן און מער ניט. רעליגיע דארף באפוצן אפט ווי א זיידן קלייד אויף א שמוציקן גוף, ווי א צניעותדיק פארטעכל אויף גאר ניט קיין צניעותדיקן לייב. און דערפאר האט רעליגיע אז א סוף סטערילע רייד, ווערטער וואס זיינען א צערעמאניע פאר זיך. ווען עס איז ניטא קיין בראנפן, רעדט מען פון בראנפן, איז רעליגיע יוצא מיט רייד ווייל זי איז א פארנעדיקטער קרייז אין זיך אן א באגער צו פורעמען דאס לעבן. ווייסט אבער גלויבן בלויז פון ווערטער פראדוקטיווע, ווערטער וואס מוזן, וואס דארפן פירן צו מעשים, ווערטער מיט א לשם יחוד און בלויז אזוינע ווערטער, וואס מוזן פירן צו מעשים, דען ווערטער אן מעשים זיינען א זינד, ווייל גלויבן און לעבן מוזן זיין איינס ,ווייל אן גלויבן, טאר ניט זיין קיין לעבן. ווייל בלויז אין א מאניסטישן גאנצן גלויבן איז דאס לעבן. דעריבער זוכן רעליגיעס גלאנץ און פוץ און שיק פון גאטעסדינסט — שיינקייט איז פראכט און אויסערלעכן טעאטראלישן עפעקט. אבער פארן גלויבן איז דאס הייליקסטע די "תפילה בלחש", דער "הנני העני" וואס איז כמעט שטום, די "תפילה זכה", וואס מען זאגט פאר זיך, ווען עס טראכט זיך גארניט וועגן אויסערלעכן איינדרוק. דער העכסטער ניגון, דער הייליקסטער איז דער וואס זינגט זיך אינעווייניק, אין הארצן, אין די גלידער, "כל עצמותי תאמרנה", — דער ניגון וואס האט ניט קיין ווערטער, קיין קלאנגען, א ניגון פון כולו רוחניות אן א שמץ גשמיות — דאס איז דער ניגון (פרצעס "מקובלים"). פאר רעליגיע אבער איז דער בעסטער ניגון — דער הילכיקסטער, דער קלינגעוור־דיקסטער, מעג ער ארויסגיין פון א פוסטן הארצן, פון א מאשין אפילו, מעג ער אפילו גאר קיין רוחניות ניט האבן. רעליגיע זארגט בלויז וועגן איינדרוקן צו שאפן, די נשמה מעג זיין ליידיק.

גלויבנס און רעליגיעס קענען זיין ניט דווקא "רעליגיעזע" — טעאיסטישע, אין באצוג צו גאט. פארקערט עס זיינען פאראן מער וועלטלעכע רעליגיעס און גלויבנס: אידייעס וואס מען האלט פון זיי און שטרעבונגען וואס מאטערן א גאנץ לעבן. איז דאס אויף אלע געביטן פון לעבן. צוויי וועגן פון צוויי באזונדערע, פארשיידענע פעלקער־טיפן, פון צוויי פארשיידענע גייסטער: איין וועג איז עקסאגען — מענטשנס גייסט שאפט אין אביעקטיוון ארום, אויסער אים. מענטש האט א ווערט אויף וויפל ער שאפט די אביעקטן. דער צווייטער וועג — איז ענדאגען — מענטשנס גייסט שאפט און מוז שאפן אין זיך. אלץ האט א זינען נאר אויף וויפל עס ווירקט אויף דעם מענטשנס גייסט גופא. איין טיפ — "ברכי נפשי", איוב; — דער צווייטער — פילאזאפיע. איין טיפ — גאט און וועלט אין מענטשן; דער צווייטער — מענטש פאר א גאט ערגעץ אין דער וועלט. די צוויי טיפן וועלן ניט קענען זיך צונויפריידן און גיין צוזאמען. יעקב און ניט־יעקב זיינען אויף אייביק צעשיידט. אין א רעליגיע איז פאראן תמיד דער מאמענט פון קאמפענסאציע. פארטויבן, פארהילכן, פארשרייען, פארפוצן, פארדעקן דאס מיט וואס מיר לעבן. און לעבן לעבט מען מיט דעם אין וואס מען גלייבט. מיט רעליגיעס

קען מען זיך "אויסלעבן" ווי יידן רופן עס אין אמעריקע, אבער לעבן קען מען ניט. אזוי ארום איז אפט געמאלט, אז מענטשן, גאנצע פעלקער האבן איינצייטיק א רעליגיע איינע און א גלויבן גאר א פארקערטן. די רעליגיע שטעלט מען אוים פאר גאט און לייט, כדי מען זאל קאנען טאן און לעבן פאר זיך לויט דעם גלויבן. רעליגיעס קענען שטאמען פון גלויבנס. אבער א גלויבן, וואס איז געווארן צו א רעליגיע איז שוין געשטארבן. געוועזן, געלעבט און איז געשטארבן, איז געווארן צו רעליגיע. שטייט א שיינע גלאנציקע מצבה, פעסט און האלט און שטארק אויף א קבר פון א געשטארבענעם שוואכן מענטשן. אבער דער מענטש האט געלעבט און די מצבה איז טויט.

. . . איצט נאכדעם ווי איך האב אנגעשריבן אזויפיל, האב איך זיך געכאפט אז פרץ האט עס דאך נאך אמאל אנגעשריבן אין געציילטע שורות: "האט הבל געהאט גאט אין הארצן, געהערט זיין שטימע ביי זיך אין די נירן און האט זיך קיין גאט ניט געזוכט.

"דאקעגן קין, כאטש דער עלטערער, האט נאר די בענקשאפט צו גאט געהאט; האט ער א וואנדערשטאק גענומען, געגאנגען זוכן גאט אויף וועג און שטעג". . . און ער האט אומגעבראכט זיין ברודער און אויך זיך.

ג. דער אויפקום פון דואליסטישן שקר

ערגעץ אויף די זוניקע בערג פון גליל איז אמאל ארומגעגאנגען א פארצייטיקער בעש"ט און ער האט געטראגן אין זיך דעם חסידישן גלויבן פון די גלילער פשוטע יידן. האט ער געהאט צווישן זיינע תלמידים פרושים און צדוקים. די ערשטע האבן געגלייבט, אז יידישקייט איז און מוז בלייבן א גלויבן. די צדוקים האבן זיך באמיט צו מאכן פון יידישקייט א רעליגיע ענלעך צו די רעליגיעס פון אנדערע פעלקער. האט איינער פון די פרושישע תלמידים זיינע, מיטן נאמען יהודה פון קריות געזען די סכנה, אז זיין רבינס גלויבן וועט ווערן א רעליגיע און זיין רבי — א געץ, האט ער באשלאסן : בעסער זאל דער באליבטער רבי שטארבן ווי א מענטש, איידער ער זאל בלייבן ווי א געץ און זיין גלויבן זאל פארשוועכט ווערן פון פרומע בלוטזויפער און צביעותדיקע זנות־ווייבער. האט ער, יהודה פון קריות, איבערגעגעבן זיין טייערן רבין צו די רוימער און איז אויך אליין פון גרוים טרויער געשטארבן. איז געקומען דער צדוקישער תלמיד, שאול דער תרסי, האט זיך איבערגעפארבט פאר א "פוילוס", האט גענומען דעם גוף פון זיין טויטן רבין און אים פארקויפט צו די געצנדינער זיי זאלן אים צונאגלען צו אלע קרייצן און אלע עשאפאטן, וואס זיי האבן אזוי ליב און אליין האט ער זיך געמאכט פאר דעם רבינס כלומרשטן שליח כדי צו האבן פאלאצן און טעמפלען . . . אט אויף אזא אופן איז פון א יידישן גלויבן געווארן קריסטנטום — א רעליגיע, א פוץ און א צייט־פארטרייב פאר די בלוטדורשטיקע רוימער. יאנקל שאבשאוויטש שרייבט דאך אויך א ספר־תורה!

און אַט דעמאָלט איז אראָפּ אויף דער וועלט דער דואַליסטישער שקר. מען קען בלייבן א רוימער, א רויבער, אַן אײַנגעמער, מען קען לעבן פון מאַסן־רויב, טרעטן אויף מענטשן און פעלקער, זעטיקן זיך אין ימים בלוט און זנות און דאָס מאַכן פאַר געזעצן — "דעם רוימערס קאַפּריז מוז זיין געזעץ פאַר פעלקער" — און אין דער זעלביקער צייט קען מען אויך נאָך שטילן דאָס פּיצעלע געוויסן מיט דעם וואָס מען האַלט פון קריסטנטום. איז גנבענען, גזלענען, טאָן אַלע שווידערלעכסטע אומווירדיקייטן און קומען אין גאָטס הויז און גלייבן אַז דערמיט איז מען יוצא. אַט דאָס איז געווען די השפּעה פון קריסטנטום אויף רוים. ניט די מענטשן זיינען אויסגעבעסערט געוואָרן, ניט זייער נאַטור האָט זיך געביטן, נאָר זיי האָבן געקראָגן א שיינעם פּרומען מאַנטל צו פאַרדעקן דעם נאַקעטן רשע. דער בייזער וואָלף האָט געקראָגן א מאַסקע פון א כשרן לעמעלע אַפּצונאַרן אַנדערע און אויך זיך צומאָל. דער אָפּגעפרעסענער און איבערגעזויפטער רוימער, דער איבערגעזעטיקטער מיט אַלערליי לייב־פאַרגעניגנס האָט צוגעקראָגן נאָך א שפּיל פאַר זיין סופּער־ראַפינירטער פאַרוויילונג. צו די צירקן צו שלאָגן זיך, בעדער און זנות־הייזער, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע אבות, צו די טעאַטערן און שפּיל־הייזער, וואָס ער האָט איבערגענומען ביי די באַזיגטע גריכן זיינען אים נאָך צוגעקומען געבעט־טעמפּלען צו שפּילן זיך מיט א גאָט פון אָרעמע: קומען קריגער און זונה, רייסן זיך אָפּ פון זייער "נאָרמאַלן" לעבן — טוען זיך איבער פאַר פרומע לייט, דאַוונען אָפּ מיט כוונה צום גאָט "פון די באַליידיקטע און דערדריקטע", גיבן זיי אים א קוש און א חנדל, בויען מער און מער פּאַלאַצן און טעמפּלען כלומרשט פאַר אים און אין דער אמתן פאַר זייער אייגענעם פאַרגעניגן און פאַרוויילן זיך מיט צאַצקעס און מיט געצן, וואָס מען האָט ליב. — דאָס איז רעליגיע, ווען דאָס גאַנץ לעבן איז באַזונדער און דאָס "דינען גאָט" איז זיך פאַר זיך א טייל פון צייט, ניט דאָס לייב און לעבן גאָר אינגאַנצן.

ביי יידן איז געווען גלויבן. רעליגיע איז א רוימישע דערפינדונג און אַט דאָס איז געוואָרן פון דעם יידישן גלויבן ווען ער איז אריינגעפאַלן צו די רוימער פאַר א רעליגיע. עס איז פריער געווען א גלויבן אין דער מאַכט פון גערעכטיקייט, פון גערעכטיקייט וואָס ביי די שוואַכע און די לעצטע אפילו. איז עס איצט געוואָרן א באַרעכטיקונג פאַר דער מאַכט פון די מעכטיקע און שטאַרקע. אַט אַזוי האָבן די געצנדינערישע רוימער געקרייציקט א יידישן גלויבן, וואָס איז צו זיי דערגאַנגען דורך דעם גליל׳ער פאַרטרוימטן מאַן און דורך זיין פּיפּיקן הענדלערישן שליח־פאַרהאַנדלער. און די אייראָפּעישע באַרבאַרן האָבן געירשנט פון די רוימער רעליגיע, מלוכה־פאָרמע און געזעצן. געזעצן פון צוואַנג און מאַכט און רישעות פון מעכטיקע, מלוכה און הערשאַפט פון מאַכט און מעכטיקע, רעליגיע ניט צום לעבן, נאָר אויסצולעבן זיך "נאָכן לעבן". אין דער יידישער געשיכטע איז אייביק אָנגעגאַנגען אַן אידייען־קאַמף אָבער ניט צווישן פּאַרטייען, נאָר צווישן גלויבנס. דאָס וואָרט פּאַרטייען, וואָס ווערט כסדר באַנוצט אין דעם פאַל, איז לגמרי ניט פּאַסיק,

עס איז געגומען פון דער פרעמד. עס איז געגאנגען ניט אין טעאָריעס, וואָס "מען האלט פון זיי" אדער ניט. עס איז תמיד געווען א קאמף ניט פאר פארמולעס, פארמולירונגען, טעאָריעס, רעליגיעס, ווי א טייל פון דעם עולם-הזהדיקן לעבן. ביי יידן האָבן תמיד געקעמפט גלויבן ווי צו לעבן, ווי פורעמען דאָס לעבן פון לעתיד לבוא. מען קען די פארמעס און נארמעס פון לעבן ניט בייטן און בייטן די פארטייען און רעליגיעס. מען קען אבער ניט בייטן קיין גלויבן ניט בייטנדיק דאָס לעבן. זייער ווייניק פון די וואָס האלטן פון די קריסטלעכע רעליגיעס האָבן דעם קריסטלעכן גלויבן. אפשר איז הינטער די שטארק צעוואקסענע קריסטלעכע רעליגיעס, פילאָזאָפיעס, טעאָלאָגיעס און טעאָסאָפיעס גאר ניטאָ קיין קריסטלעכער גלויבן. איך ווייס ניט. ביי יידן אבער האָבן תמיד, פון אייביק אן געקעמפט ניט רעליגיעס, נאר גלויבנס. זיינען די נביאים קיינמאָל ניט געווען "רעליגיעז", האָבן זיי ניט געהאַט קיין שום פילאָזאָפיע, קיין סיסטעם. עס האָט אין הארצן געזאָדן דער וואולקאַן פון גלויבן, עס האָט געשטורעמט. ווי אומבאהאלפן די נביאים זיינען געווען אין זייערע אבסטראקטע פארמולירונגען! און ווי מעכטיק זיי זיינען געווען אין זייער שטורעם! און די פרושים שפעטער זיינען געווען ניט קיין פארטיי, נאר א גלויבן. זיי האָבן געגלייבט אין קיום פון יידישן פאָלק, א דאנק דעם אנהאלטן און אפהיטן זיין טראדיציע און אייגנטימלעכן שטייגער. זיי האָבן געגלייבט אין אַט דער תורה וואָס מען מוז מקיים זיין א גאנץ לעבן, טאָג און נאכט. האָבן זיי געהאַט א גלויבן און זיי האָבן די איבעריקע ניט גערעכנט אפילו פאר יידן. ווייל מען קען ניט זיין א ייד און אויסהאָדעווען יידישע דורות ווען מען גלייבט ניט אין יידישקייט. זיינען די פאלשע משיחים געווען גלויבנס. איז חסידיזם א גלויבן. די צדוקים זיינען געווען א פארטיי, וואָס האָט געוואָלט יידישקייט פארוואנדלען פון א גלויבן אין א רעליגיע. דאכט זיך, אז אויך די קאראימער האָבן דערצו געשטרעבט. אויך די רעפאָר-מער האָבן יידישקייט רעדוצירט צו א רעליגיע. בכל אופן האָבן זיי צו דעם געבראכט. האָבן מיר יאגנדיק זיך נאך פרעמדע גלאנציקע אוצרות אנגעכאפט אַט די בלייכע רעליגיע, זי אריינגעפירט אין אונדזער באוווסטזיין און פארסמט אונדזער לעבן.

ד. דער גורל פון וויסנשאפט ביי די אייראָפעישע פעלקער

און פונקט ווי אויף דעם געביט פון באציונגען צווישן מענטשן און גאָט, אזוי אויך מיט דער באציונג צווישן מענטשן און נאטור, מיט די וויסנשאפטן.

די אנטיקע וויסנשאפט איז געשטארבן מיט דער פארשפרייטונג פון קריסטנטום איבער די אייראָפעיש-בארבארישע לענדער. ביי זייער ווידערגע-בורט זיינען וויסנשאפטן אלעמאָל געווען פארבונדן מיט א שטארקן גלויבן, זיינען אין זיי געווען פארוויקלט פארשטעלונגען און טרוימען וועגן א בעסערן מאָרגן פאר א בעסערער מענטשהייט. איז וויסנשאפט געווען א דראנג צו גאָטהייט, צו געטלעכע סודות, איז אין איר געלעגן א געטלעכער

"יצר הדעת", וואס מען לעבט פאר אים און מען קען אויך גיין אויפן עשאפאט פאר אים. זיינען די נעמען פון א גאליליי, פון א טיכא בראהא און א קעפלער, פון א לעאנארדא דא ווינטשי, פון א ברונא, פון א פאסקאל פארבונדן מיט פארשטעלונגען וועגן גרויסע גלייביקע גייסטער, וואס זייער שטרעבן און זוכן איז אייגנטלעך א זוכן גאט אין וועלט, אין זאכן און איז לגמרי ניט אידענטיש מיט דעם זוכן אוטיליטארישע באקוועמלעכקייטן אין לעבן. ניט אומזיסט איז אויך שפעטער יעדער וויסנשאפטלעכער טראט פארויס פארבונדן מיט פערזענלעכקייטן פון גרויסן מאראלישן ווערט. איז א לאוואזיע ניט נאר דער פאטער פון עקזאקטער כעמיע, נאר אויך א שטאלצער גייסט, וואס די גילאטינע קען אים ניט אפרייסן פון זיינע זוכונגען. און דארווין, פאסטיער און דער באשיידענער פאראדיי און אזוי אלע אנדערע פירער פון דער וויסנשאפט, און זיי האבן געפירט די מענטשהייט פארויס צו שטרעבן, צו וועלן, צו זוכן בעסערס. אין זיי, אין די וויסנשאפטן, איז געווען דער באגער פון גרויסע נשמות. כל זמן זיי האבן געזוכט אומגייציקע אמתן, האבן זיי מיט זייער הייליקייט הייליק געמאכט אלעמען, ווער נאר עס האט זיך צו זיי צוגערירט. דער גרויסער פראמאטעישער דראנג אויפצודעקן די סודות פון דעם קאסמאס, צו ווערן א שותף צום שעפער און זיינע מעשה בראשית, האט אין די וויסנשאפטן אריינגעגעבן א נשמה, א געוויסן, א גלויבן. אבער צייט די וויסנשאפטן האבן פארלארן דעם דאזיקן כאראקטער פון גלויבנס, זינט זיי זיינען געווארן "עקזאקטע" וויסנשאפטן פון קאלטן, מעכאניזירטן שכל, — האבן זיי פארלארן זייער פראגרעסיוון ווערט, זיי האבן אויפגעהערט צו פירן די מענטשהייט צו בעסערס. פארקערט, האבן זיי זיך אליין איבערגעגעבן צו די שווארצע שדים פון דער וועלט און העלפן זיי צו דערטרינקען די וועלט אין בלוט. "ווי זיינען געווארן ווי זונות פארקויפטע די אמאל הייליקע גייסטער פון שטרעבן און וויסן?" אט אזוי דארף מען קריעה רייסן אויף דעם מענטשלעכן ווערט פון אלע היינטיקע וויסנשאפטן — טמא זיינען זיי געווארן אין האנט פון אלע טייוואלים. און דאס אלץ בלויז דערפאר ווייל זיי האבן אויפגעהערט צו זיין אן איראציאנעלער גלויבן און זיי זיינען געווארן קאלטע אויסגערעכנטע וויסנשאפטן.

לעבן לעבט א מענטש מיט עמאציעס, מיט דער נשמה; כל־זמן זיינע אידעעס, זיינע געדאנקען, זיינע באציאונגען צו דער וועלט, פאלק און גאט זיינען א טייל פון זיין נשמה, פון זיינע עמאציעס, — "בכל לבבך ובכל נפשך", — דעמאלסט איז דער מענטש גאנץ, מאניסטיש, איז גאט אין מענטשן און מענטש איז א טרעגער פון גאט, א דינער צו גאט. ווען אבער זיי ווערן צעטיילט, מענטש אפגעטיילט פון גאט, און אידעעס, געדאנקען, באציונגען ווערן באגריפן בלויז פון שכל, פון קאלטן און גייציקן וויסן — דעמאלסט בלייבט די נשמה ווילד און קאלט, אז א גאט איז הארצן. און די וויסנשאפטן ? — בעסער וואלטן זיי ניט געווען . . . דען פאר דעם טאפ לינדזן פון די עולם־הזהדיקע באקוועמלעכקייטן וואס דעם מענטשנס גוף האט פון די היינטיקע וויסנשאפטן האט די מענטשהייט באצאלט מיט דער

גאנצער נשמה, וואָס איז חרוב ונחרב געוואָרן. האָט די וויסנשאַפט גענומען זאָרגן איינצושפּאַנען די זון־שטראַלן צו פּוצן אונדז די שיך (פּרץ), צו קיצלען אונדז די פּיאַטעס מיט די קונסטן פון גאַר דער וועלט, צו באַפרידיקן אונדזערע צעדרייטע אינסטינקטן מיט די אַנטפּלעקטע סודותדיקע כוחות פון דער נאַטור. קומען כוהנים פון וויסנשאַפטן און פרידיקן אָביעקטיוויקייט, "ריינע" וויסנשאַפט, אָן אידעע, אָן געדאַנק, אָן פאַרלאַנג. וויסנשאַפט דאַרף, הייסט עס, זיין ניטראַל, אָן טעמפּעראַמענט. זי טאָר אין ערגעץ ניט שטרעבן, קאַלט דאַרף זיין וויסנשאַפט. וויסנשאַפט איז אַ פאַבריק, וואָס דאַרף פּראָ־דוצירן וויסנשאַפטלעכע פאַקטן. ווער עס מאַכט ציגל, אַרט אים ניט וואָס מען וועט פון די ציגל בויען — אַ פּאַלאַץ צי אַ תּפיסה, אַ גאַסט־הויז צי אַ שאַנד־הויז. ווער עס פּראָדוצירט וויסנשאַפטלעכע ציגל טאָר אים ניט אַרן ווער עס וועט זיינע ציגל אויסנוצן — גאָט אָדער דער טייוול. אַזוי פרידיקן די כוהנים פון וויסנשאַפט, וואָס האָבן אַליין ניט קיין וויסנשאַפטלעכן גלויבן, קיין גלויבן אין געטלעכקייט פון זייערע וויסנשאַפטן, דען זיי זיינען דאָך בלויז כוהנים, ניט קיין נביאים פון וויסנשאַפט. און אַ כוהן מוז דינען עמיצן, דינען די וויסנשאַפטן אַלע מעכטיקע, וואָס קענען הייסן, וואָס קענען בעסער באַצאָלן. און אַזוי מוז זיין מיט וויסנשאַפטן ביי פעלקער עקסאָגענע. דאַרפן דאָך וויסנשאַפטן בלויז פּראָדוצירן עקסאָגענע ווערטן, בעסערע, גרעסערע רייכטימער, באַקוועמלעכקייטן, ציוויליזאַציע, טעכנישן פּראָגרעס, עסטעטישן פּראָגרעס, עקאָנאָמישן אויפשטייג — אַלץ אויסער עפּעס איין קליינקייט — דער פאַרפּולקאָמונג פון מענטשלעכן גייסט. אַלע האָפענונגען, אַז צוזאַמען מיטן טעכנישן פּראָגרעס מוז אויך קומען אַן אויסבעסערונג פון מענטשן אַליין, זיינען אומזיסטע רייד. דער פּראָגרעס וואָס גייט עקסאָגען קען ניט ווירקן ענדאָגען. פאַרקערט: דער טעכנישער פּראָגרעס צעשטערט לעבנס־טראַדיציעס, צעשטערט ער אויך נאָרמעס פון "מען מעג", "מען טאָר ניט", מוז דער טעכנישער פּראָגרעס, וואָס די אייראָפּעישע פעלקער גרייסן זיך מיט אים אַזוי, ווערן צו אַ מאָרד־מכשיר וואָס ווייסט קיינע גרענעצן ניט. דען ווען טראַדיציאָנעלע נאָרמעס ווערן אָפּגעשאַפט, — ווערן אָפּגעשוואַכט די איינצאַמער, בלייבן אינסטינקטן — עראָטיק, סאַדיזם, שלעגערישקייט און בלוטדורשט, עסטעטיק, און אַז אַלע מישן זיך אויס צוזאַמען באַקומט זיך דאָס בילד, וואָס מיר זעען איצט — אַ טעכניש עסטעטיש באַקוועמע און אויסגעפּוצט בלוט־דורשטיקייט, וואָס דערגייט ביז צו עקסטאַז, באַפּוצט מיט רעליגיעס, קונסטן, וויסנשאַפטן, גלאַנץ און פּראַכט. און איז דעם אויסגעלאַסענעם בלוטיקן טאַנץ גייט ווייט ניט צום סוף אויך די וויסנשאַפט. און אַלץ ווייל פעלקער זיינען עקסאָגען, ווייל מען דינט עמיצן, וועמען עס איז, נאָר ניט דעם גאָט, וואָס קען זיין בלויז אין הארצן.

אַלץ וואָס אַ מענטש נוצט ניט פאַר גאָט, — זאָגט אַ יידישער פאָלקס־גלויבן, — פאַרנוצן שדים; מיט די זעלביקע קלאַנגען פון אַ ניגון קען מען זיך דערהויבן ביז די הייכע הימלען, און מען קען אַראָפּפאַלן ביזן שאול תחתיה, לערנט פּרץ. דעם מענטשנס נאַטור און אינסטינקטן, ווי הונגער, ליבע

און אלע אנדערע קענען דערהויבן ווערן ביז געטלעכקייט, און קענען אויך אראפפאלן ביז דעגענערירטער צעפוילטקייט. און אלץ ווענדט זיך אַז דעם גלויבן, וואָס מען לייגט אריין אין דעם. האָבן וויסנשאפטן געקענט דערהויבן דעם מענטשן ביז צו "ברכי נפשי", ביז "און איר וועט ווערן ווי א גאָט", — און פארקערט, האָבן זיי געהאָלפן אראפוואַרפן דעם מענטשן אין די הענט פון אשמדאי. — און אלץ ווייל גערינגט האָבן מענטשן צו מאטעריעלע געצן פארן מענטשן און ניט קיין אידעישן גאָט איבער דעם מענטשן.

און אגב, אלע האָפענונגען וואָס יידן האָבן אז ווען עס איז וועט זיין אן אָרט פאר יידן צווישן אייראָפעישע פעלקער, א גוטער ווילן צו זיי, — אלע אָט די האָפענונגען זיינען פאלש און קענען קיינמאָל ניט מקויים ווערן. די נאטור פון פעלקער איז אזא. צייטנווייז ווען אינסטינקטן דרעמלען אייז וועט מען לאָזן יידן טרוימען און גלייבן אין גלייכהייט און אזוי ווייטער. מיטן מאָמענט אָבער, ווען אינסטינקטן ברויזן אויף, איז תמיד און אומעטום און אייביק פאראן די יידישע כפרה־הינדל. יעדער גלויבן אנדערש האָט אָפגענארט און וועט אָפנארן. קיין שום פראגרעס, וויסנשאפטן, קיין ציוויליזאציע, וואָס איז עקסאגען קען ניט אויסבעסערן די נאטור פון פעלקער און קען ניט איבערמאכן א שינאה פון טויזנטער יאָרן אין א ליבע, און קען ניט אומקערן פון פאראכטונג אויף אכטונג. ניט געווען און עס וועט ניט זיין פאר יידן קיין רויקע היים צווישן פעלקער פון אייראָפעישן דואליס־טישן, עקסאָגענעם אפשטאם.

ה. דער גורל פון סאָציאַליזם וואָס איז געוואָרן ווי א רעליגיע

עס איז געווים אמת, אז יעטווידע רעליגיע, יעטווידע סאָציאלע וויסנשאפטלעכע טעאָריע מוז זיין א תולדה פון א גלויבן. אָבער ווי צו א גלייבן וואָס איז שוין געוואָרן צו א קלאָרער און קאלטער טעאָריע! ווען א גלויבן ווערט א רעליגיע איז שוין דער גלויבן געשטאָרבן. ווען פון א איוב קאמף צו וויסן, ווען פון א פראמעטעוס־באגער צו ליכט פון וויסן ווערט א פארמולע, איז שוין די וויסן־גיריקייט געשטאָרבן און פון א וויסנשאפט מיט א געטלעך קאסמישן פארנעם ווערט א געלט־מאכערייקע צו פראָדוצירן פארגעניגן און ווילטאָג דעם צופרידענעם צוויי־פיסיקן, וואָס עמעצער האָט בטעות אים אָנגערופן האָמאָ סאפּיענס.

ווען פון א גלויבן אין גערעכטיקייט און פון א נביאישן קאמף פאר גלייכהייט און גערעכטיקייט איז געוואָרן א טעאָריע פון א גרינגערן לעבן, א וויסנשאפט מיט פארמולעס און געזעצן, — ווען דאָס איז געשען, איז דער גלויבן געשטאָרבן. איז גלויבן, ווילן, שטרעבן, אויסגעלאָכט געוואָרן, איז סאָציאַליזם געוואָרן כמעט א מעכאַנישע טעאָריע.

און באמת, מיטן סאציאליזם איז געשען דאס זעלבע, וואס מיט קריסטנטום אמאל אין זיין צייט. געוויס איז קריסטנטום א שטיק יידישקייט. עס איז נאר מיט אים אן אומגליק געשען, ער איז ארייננעפאלן צו די געצנדינער אין די הענט. האבן זיי קודם־כל פון אים געמאכט א פערזאנען־קולט, א געץ לויט זייערע איינגעווארצלטע געוואוינהייטן און זיטן. ווייטער האבן זיי פון איס צוגענומען דעם עלעמענט פון לעבנס־דיסציפלין: מען מוז גארניט לעבן לויט דעם ווי דער גלויבן הייסט, קענסט דיר לעבן ווי דו ווילסט אבי דו גלויבסט איז שוין גענוג פאר דיר. דער פיפיקער אידעען־פארקויפער פון תרשיש האט עס זייער גרינג געמאכט: די פרינציפן פון קריסטוס זיינען שווערע, דארף מען בלויז האלטן פון זיי און לעבן קען מען ווי מען וויל. נאך ווייטער האט מען פון קריסטנטום געמאכט א נייעם מאטיוו אין קאמף פאר מאכט, פאר הערשאפט, ווידער לויט זייערע אלטע געצנדינע־רישע געוואוינהייטן. ניט די איראפעישע געצנדינער זיינען געווארן קריסטן, נאר זיי האבן פון קריסטנטום געמאכט א שטיק געצנדינעריי, א קעמפערישע, א בלוטדורשטיקע, ווי זיי זיינען געווינט. פון א גלויבן איז עס געווארן א רעליגיע.

דאס זעלביקע איז געשען מיטן סאציאליזם. זאל מען מיר באשולדיקן אין וואס מען וויל — איך זאג ,אז דער אמתער, ריינער, אידעישער סאצי־אליזם, איז א טייל פון דעם יידישן, אייביקן דראנג צו גערעכטיקייט, וואס ציט זיך ווי א גאלדענער שנור דורך אלע דורות פון אברהם אבינו און ביז היינט. זאל מען מיר באשולדיקן אין אתה בחרתנו־ריזם, — איך גלויב אבער באמונה שלימה, אז די אכטונג צום מענטשן אין מענטשן, צום קנעכט אפילו, וואס עס האבן פארמאגט די קלענסטע פון די יידישע נביאים, דער שטרענגסטער "סאטראפ" נחמיה, דער אומוויכטיקסטער פון די פוסקי הלכה ביי יידן — אזא באציונג צום מענטשן האבן ניט פארמאגט די גרעסטע פון די ניט־יידישע פילאזאפן, ניט דער אידעאליסט פלאטאן, ניט דער ראציאנאליסט אריסטא־טעלעס, ווארים זיי אלע זען די גרויסקייט פון דעם מענטשן אין זיין באהערשן די נאטור ארום אים, יידן אבער זוכן צו באהערשן די נאטור אין דעם מענטשן גופא.

האט מען גענומען דעם יידישן נאמענלאזן דראנג צו גערעכטיקייט און געמאכט פון אים א "איזם" — א קאלטע טעאריע . . . אויך איינער א פון יידן שטאמענדיקער שאול, וואס איז געווארן א פאול, האט עס געמאכט, אויך ווי יענער מיט א סך שינאת־ישראל . . .

האט מען קודם־כל פון יידישן דראנג ארויסגענומען זיין יידישן טיף־רעליגיעזן, מיסטישן כאראקטער, די אכטונג און גלויבן אין מענטשן, אין דעם געטלעכן וואס אין מענטשן. ניט דער מענטש מיט זיין העכערן געטלעכן ווילן, נאר די מאשין וועט ברענגען די באפרייאונג פון מענטשן. איז דער סאציאליזם אליין געווארן א שטיק מעכאניזם.

פרצעס יוחנן דער מלמד האט די פראבלעם גענומען ווי א ייד — א סך טיפער, האט ער פארשטאנען, אז די פראבלעם פון אויסלייזונג איז ניט קיין פראגע פאר'ן מענטשן, נייערט א פראבלעם אין דעם מענטשן. אויב מאשין — ווערט דער מענטש א הוספה צו דער טויטער מאשין, האט ער מער ניט קיין אייגענע נשמה, ווערט ער א טייל פון אט דער מאשין און מער גארניט, ווערט דער גאנצער שווערפונקט איבערגעטראגן פון דעם לעבעדיקן "איד", וואס אין מענטשן אויף דעם אוממענטשלעכן מעכאניזם אויסער דעם מענטשן, — ווערט פון דעם אויך א געץ. און ווידער האט מען א געטלעכע אידעע געמאכט פאר א מאטיוו אין גוראנגל און קאמף פאר מאכט, פאר הערשאפט און באהערשן. און אין סך־הכל — א געץ (אויסער דעם מענטשן), פערזאנען קולט, מאכטדורשטיקייט און קאמף. דער זעלביקער גורל וואס מיטן קריסטנטום אמאל: יידישע אידעעס פאלן אריין צו געצנדינער אין די הענט און ווערן פארגעצעוועט. געטער און אידעעס ווערן געשאפן דורך פעלקער און אויסגעקנאטן לויט דעם נאציאנאלן כאראקטער פון די פעלקער.

איז אויב דאס איז סאציאליזם, טא וואס און צו וואס מענטשלעכער אידעאליזם? צו וואס די הייליקייט? איז קאמף, — טא זאל זיין קאמף; אז מאכט, טא זאל זיין מאכט; — "איך שטיי מיט א מעסער אין האנט, דו שטייסט מיט א מעסער אין האנט, — היינט איז קלאסנקאמף" (מ. קולבאק, "מאנטיק"). איז עס שוין ניט קיין דראנג צו גלייכהייט, נאר ווער וועמען אין מארדע אריין, ווער וועמען עס וועט גיכער איבערשניידן דעם גארגל, ווער עס וועט גיכער פארכאפן די בולקע מיט פוטער — איך צי דו, — "רויב דאס אנגרויבטע". דו רויבסט, — איז שלעכט. איך רויב, — איז גוט . . . נו, — איז פון אט דעם געמיש ארויסגעשפרונגען דער שד, וואס מארשירט איצט איבער דער אין בלוט פארזונקענער וועלט — איך רויב און בין גערעכט.

איז די סאציאל־דעמאקראטיע געווארן א פארטיי מיט א באשטימטן ריטואל, צערעמאניאל, אבער מיט אן אויסגעלאשענעם אידעאל. עלעהיי א רעליגיע, וואס איר גלויבן איז שוין טויט. האט אפילו דער קאטאליציזם געפרווווט קעמפן קעגן היטלערן אבער ניט די סאציאל־דעמאקראטיע. און אפשר — ווער ווייסט — שרייען איצט מיליאנען די זעלביקע מיילער דעם זעלביקן "עס לעבע" מיט עטוואס בלויז געענדערטן נוסח — ניט אומזיסט איז פון "סאציאל־דעמאקראטיע" ביז "נאציאנאל־סאציאלע" אן אונטערשייד אין איין ווארט בלויז . . . זיינען מוסאליני, קלעמאנסא, בריאן, פילסודסקי און הונדערטער אנדערע פון דעם זעלביקן מין אויסגעוואקסן אין שוים פון סאציאל־דעמאקראטיע. איז די עצם דיקטאטור דאך א קינד פון סאציאל־דעמאקראטישן "קאמף פאר פרייהייט". דרייט זיך דאס רעדל פון מענטשלעכע לאזונגען "קנעכטשאפט" — "פרייהייט" און — צוריק צום אויסגאנג פונקט פון דער צווייטער זייט. א אידעאל, א גלויבן ענדערט זיך ניט, שטארבט ניט מיט דעם בייט פון די "אומשטענדן". מיט די סאציאליסטישע פארטייען

איז אָבער כמעט תמיד פאַרקערט: דער פּאָליטישער ניצחון פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד האָט געשאַפן דיקטאַטור. מוסאָליני האָט געירשנט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אין איטאַליע. די פּאָליטישע מאַכט פון דער גרויסער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד איז זיך "נאַטירלעך", כמעט געמיטלעך, איבערגעגאַנגען צו היטלערן. די הערשאַפט פון סאָציאַליסטן אין ענגלאַנד, מיט מאַקדאָנאַלדן בראש, איז אויך עפּעס ניט געווען שטאַרק אויסגעהאַלטן אידעאַליסטיש, איז אויך אין פראַנקרייך די הערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט איר יידישן פּרעמיער, לעאָן בלום, גאַרניט באַגלייט געוואָרן מיט אידעישער פעסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט פון פראַנצויזישן פאָלק. טאַנצט די וועלט רונד אַרום און קומט צוריק צו דער זעלביקער צעבראָכענער קאַרעטע באַפּוצט בלויז מיט נייע נעמען. ווי האָט עס געלערנט דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף פון סינטען. מער ניט — איין קלייניקייט : ניט קיין נייער סינטען, נייערט דער אַלטער טעזיס מיט נייע באַפּוצונגען. איז אַמאָל האָט די אייראָפּעישע וועלט געמאַכט אַזאַ "הקפה" מיט דער יידישער תורה רונד אַרום פון בלוטדורשטיקער געצנדינערייִ דורך יידישער ליבע צום פריערדיקן, נאָר מיט מער פרישקייט און טעם. האָט איצט ווידער אַמאָל פּאַסירט אַזאַ "הקפה" מיטן סאָציאַליזם. ווי אַמאָל, אַזוי אויך איצט האָבן די אייניקלעך פון די רוימער, פון די וויקינגען און באַרבאַרן גענומען דעם יידישן נביאישן דראַנג צו גלייכקייט און גערעכטיקייט און פון אים געמאַכט אַ טעאָריע פון "רויב די רויבער". איז פון גלייכקייט געוואָרן באַנטשע שווייגם בולקע מיט פּוטער־געדאַנק. און אויב אידעאַל איז אַ פרישערע, אַ געשמאַקערע בולקע מיט פּוטער, איז גוט ווער עס זאָגט צו מערער. אָט אַזוי האָבן די "שליחים" פון סאָציאַליזם אויך אים פאַרקויפט. — און אַזוי קענטיק איז דער גורל פון אַלע טרוימען, גלויבנס וואָס פאַלן אַריין, וואָס וועלן אַריינפאַלן צו די אייראָפּעישע פעלקער אין די הענט : עס קען ניט האָבן קיין פּרוכט אַ בוים פון צוגעקלעפּטע בלעטער. עס קען ניט מקויים ווערן קיין געדאַנק וואָס איז געוואָרן רעדוצירט צו אַ קאַלטער טעאָריע מיט פּאַראַגראַפן און פּונקטן ווענגן באַקוועמלעכקייטן. און וואָס איז משיח גאָר און גאָר ? צי ניט נאָך אַ פאַרציע פאַרגעניגן, נאָך אַ גראַד פון פיזישן "לעבנס־סטאַנדאַרט" — ד"ה, נאָך אַ געשמאַקערע בולקע מיט פּוטער, נאָך אַ ברעקעלע עולם־הזה ? ווערט די גאַנצע עולם־הבא מיט משיחן רעדוצירט צו אַ געשלעג פון הונגעריקע הינט פאַר אַ פּעטערן, געשמאַקערן ביין. עס קענען ניט ברענגען משיחן פעלקער און שטאַמען, וואָס קלעפּן צו זיך צו אידעען און אידעאַלן צו באַפּוצן זיך. "צי קען אַ נעגער זיין הויט אומבייטן? צי קען אַ טיגער זיינע פלעקן אָפּוואַשן" און צי קענען אייראָפּעישע פעלקער און מענטשן ווערן טרעגער פון אמתן, ניט געצנדינערישן גלויבן ? ניין, ניט פון אייראָפּע וועט ווען עס איז קומען דער משיח פאַר דעם מין מענטש אויף דער וועלט. אויך ניט פון די אייראָפּעישע פעלקער־שטאַמען.

אויב עס איז נאָך דאָ אַ משיח פאַר דער וועלט. פאַר דער גאַרער וועלט; אויב עס איז נאָך פאַראַן אַן אויסלייזונג פון דער בלוטיקער משוגעת וואָס

רייט אויף אלע וויסנשאפטן און קונסטן, — אויב די מענטשהייט וועט ניט דערשטיקט ווערן אין איר ציוויליזאציע און ניט אויסמארדן זיך אין איר מע־כאניזירטער ווילדקייט; אויב עס וועט נאך בלייבן א רעשטל פון בלוטיקן חורבן, אז איבערבלייב פון בלוטיקן מבול, אויב דאס וועט נאך געשעען, — וועט עס קומען פון יידישקייט. אבער ווען?—ווען ניט די יידן וועלן זיך לערנען ביי זיי, נייערט פארקערט — זיי וועלן זיך לערנען פון יידישקייט. ווען זיי וועלן פון עקסאגענער קולטור איבערגיין צו ענדאגענער.

וועט עס ווען עס איז געשען ? — כ'ווייס ניט. אבער אז דעם וועט די ציוויליזירטע קולטור "אויסקולטורעווען" די מענטשהייט.

איז אויך די יידישע סאציאליסטישע פארטיי געווען געבויט "בצלמו וכדמותו" פון די לאנד פארטייען. האבן אין רוסלאנד די זעלביקע בונדיסטן, די כוהנים אליין, נאך דער רעוואלוציע פארשטיינט דעם בונד, אליין אים באגראבן און אליין, מיט זייערע הענט און מיילער זיין קבר פארשוועכט. אין דער זעלבער צייט איז ציוניזם אין רוסלאנד געווען ביי א טייל א גלויבן און ווען מען האט דעם ציוניזם געשטיקט, האבן עס געטאן אנדערע. און פארוואס ? — ווייל דער "בונדיזם" איז געווען כמו א רעליגיע און טיפער פון אים איז אין די נשמות געווען א צווייטער פארלאנג, א טיפערער גלויבן, אמת, א פארבארגענער, אבער, — א טיפערער. — דאס איז געווען דער זעלביקער גלויבן וואס מיט א הונדערט יאר פריער האבן געהאט די יידישע ליבעראלע אינטעליגענטן אין בורזשואזן לאגער אין דייטשלאנד. דעמאלסט און דארטן האט עס געהייסן "דייטשן פון משה'ס גלויבן" — דא האט מען עס גערופן "א יידישע סעקציע אין דער לאנד פארטיי" מיט אן אויטאנאמער ארגאניזאציע. איז דאס געווען דער אינטימער גלויבן, און בונדיזם איז געווען די "רעליגיע". איז געקומען די רעוואלוציע, האט זי געבראכט דאס וואס מען האט באגערט אינטימער, האט מען די "רעליגיע" מער ניט געדארפט. און אויך האבן די פאליטישע ניצחונות פון בונד ביי אלערליי וואלן אין פוילן ניט באוויזן קיין אידעאליסטישע פעסטקייט פון בונדישן "גלויבן" : איין בייט פון דער סיטואציע — און פון בונד איז גארניט געבליבן. און ניט בלויז צוליב דעם דרוק אין רוסלאנד. אט זיינען אין אמעריקע אריינגעפארן בונדיסטן — אן ספק — איז די גרויסע טויזנטער. מאסע — בונדיסטן און פירער — און ווו איז דער בונד אין דער פרייער אמעריקע ? האט זיך ציוניזם געלאזט איבערפלאנצן אין אמעריקע, אפילו חלוציזם — צו ביסלעך. פארוואס הערט זיך ניט וועגן א פארלאנג כאטש אריבערצוטראגן דעם בונד קיין אמעריקע ? — ווייל — גאר פשוט — אז רעבט און מעגלעכקייט זיך צו אסימילירן זיינען פאראן און קיין לאנד־פארטיי איז ניטא — איז ניטא קיין ארט פארן בונד. ווייל עס איז ניט קיין גלויבן, ניט קיין יידיש־סאציאליסטישער אידעאל, נאר אן ארגאניזאציע פון לאנד־סאציאליסטן אויף דער יידישער גאס, די פארטרעטערשאפט. וואלט אן אריגינעל יידישער סאציאליזם ערשט איצט געדארפט פון דאס ניי פארמירט

ווערן. אבער . . . צי זיינען דען פאראן יידן וואס האבן דעם מוט צו זיין אריגינעל־יידיש אז א מוסטער ביי "זיי" ? צי האבן מאדערנע יידן גענוג שטאלץ צו גיין אליין, נים נאכגייען, ניט מיטגיין, נאר גיין, נאר טרעטן אייגענע וועגן ?

אזוי איז געגאנגען שם אין די געצעלטן פון יפתן צו זוכן חכמה, צו זוכן שיינקייט, האט ער זיין אייגענעם גלויבן פארלארן און פון די פרעמדע געצן זיינען בלעכלעך געבליבן. הילכן זיי, קלינגען זיי ווי די טבע פון בלעכלעך, אבער צי קענען בלעכלעך זיין מער ווי קלינגענדיקע בלעכלעך?

ז. ראלע פון דערציונג ביי פעלקער

און אזוי ווי אויף אלע אנדערע געביטן פון מענטש און גייסט, אזוי אויך, פארשטייט זיך, אויף דעם געביט פון דערציונג : צוויי וועגן אין גרונט פארשיידענע סיסטעמען, צוויי וועלטן.

האט די אייראפעישע וועלט פון אייביק אן ביז היינט פארשטאנען דעם באגריף "לערנען" ווי א טעטיקייט אזוי אדער אנדערש צו דערגרייכן צו דער מדרגה פון וויסן דאס, וואס אויטאריטעטן האבן פעסטגעשטעלט. מיט דעם איבערנעמען דאס וויסן, איז דער פראצעס פון לערנען געענדיקט.

האט ביי יידן פון אייביק אן "לערנען" באטייט מחדש זיין נייע געדאנקען אין דער תורה, שאפן און פראדוצירן כסדר און אן אויפהער נייע באגריפן וואס דארפן העלפן דער אידייע פון אייביקן לעבן אין דעם טאג ווען מען איז מחדש די חידושים.

איז ביי זיי סטאביל און פעסט דאס וואס איז פארמולירט געווארן, געגעבן געווארן.

איז אבער ביי יידן דאס לערנען ניט קיין מיטל צו דערווערבן זיך עפעס פארטיק וויסן, נאר אן אקטיוו שעפערישער אקט פון כסדרדיקן גייסטיקן שאפן, וואס קען גארניט איבערגעריסן ווערן, פארענדיקט ווערן. מען קען ניט אויפהערן לערנען. איז דארטן דער שווערפונקט אין דעם געשאפענעם עקספאנען, איז ביי יידן דער עיקר דער ענדאגענער פראצעס. איז ביי זיי דער עיקר — דער זכרון, — ביי אונדז — די אינטואיציע. ביי זיי — דאס קאנסערווירן, אפהיטן. איבערגעבן פארטיקעס, — ביי אונדז, פארקערט, — דאס יוירן, ברויזן, דאס כסדרדיקע שאפן, איבערשאפן, בויען און איבער־בויען, באנייען, אויסטייטשן און אריינטייטשן, ווי נייע צווייגן וואקסן זיך פאנאנדער פון די עלטערע. דאס איז וואקסן. ביי אונדז לערנען — איז דאס גייסטיק וואקסן פון פאלק; ביי זיי — לערנען איז אפהיטן און איבערגעבן די רייכטימער פון פאלק כדי זיי בעסער אויסצונוצן אוטיליטאריש.

ביי אונדז — "מי יתן והיה כל עם ד' נביאים". כל מה שתלמיד ותיק

עתיד לחדש נתנה למשה מסיני; ביי אונדז—א לעגענדע, אז איטלעכער מענטש פארן געבורט קען כל התורה. אלע קענען זיין אין פאטענץ ווי משה מסיני. באשר א מלאך שנעלט ארויס די תורה און באמת — קען איטלעכער דער־גרייכן, נאר די "אפהאלט־רעפלעקסן", ווי דער גאונישער פאוולאוו האט עס אנגערופן, לאזן ניט צעוויקלען אלע פאטענציעלע מעגלעכקייטן פון מענטשן. — גובר זיין אט די אפהאלט רעפלעקסן, דערהויבן דעם מענטשן צו דער נביאישער מדרגה, צו א סיני־הייך, דאס איז דער ציל פון לערנען. דאס איז ביי אונדז. און ביי זיי ?

דער ציל, צוליב וואס דערציען ?! — איז ביי די פעלקער תמיד דער ציל ערגעץ אויסער דעם מענטשן אין זיין נשמה, ערגעץ אין סאציאלע, אדער פאליטישע, אדער עקאנאמישע צילן — מלוכה, קירך, לאנד, פראדוקציע און עולם־הזהדיקער לעבנס־סטאנדארד. און מען דארף אז מענטשן זאלן מיטן גוף וואס בעסער זיין צוגעפאסט צו אט די אלע עקסאגענע צילן און עס זאל זיך וואס ווייניקער באמבלען אז אייגענע נשמה ביים מענטשן, וואס קען זיין אומצופרידן, וואס קען פראטעסטירן . . . און אזוי פון אייביק ביז אייביק. פון ספארטא מיט איר העלענישער דערציונג ביז צו די ריטער וואס האבן געהאדעוועט מיידלעך פאר א פריוואטער שטוב צירונג און יינגלעך פאר פאזשן, ביז צו די יעזויטן, וואס האבן אוניפארמירט די נשמות פון פעלקער לויט איין שאבלאן, ביז צו דער היינטיקער אוטיליטאריסטישער "גרייטן צום־לעבן־סיסטעם", א האדעווען . . . קי אויף מילך, אקסן אויף פלייש, חזירים אויף שמאלץ און מענטשן פאר גלאדיאטארס, פאר זעלנער, פאר גיים־שפילער, פאר מאשינעס, פאר טרייבער פון מאשינעס, פאר לעבעדיקע שרייב־מאשינדלעך—סטענאגראפיסטנס און פארקויף־ מיידלעך, פאר געשיקטע פאבריק ארבעטער ! — מענטשן דארפן פאלגן ! — צי דאס זיינען פארקויפטע קנעכט אדער פרייע דעמאקראטישע בירגער : גלויב, פאלג, טו וואס אויטא־ריטעטן הייסן, זיי צופרידן, גיי מיטן שטראם; דיין מי און געלט זאלסטו אויסגעבן מיט דיין גוטן ווילן אויף דעם, וואס די גרויסע אויטאריטעטן ווילן; מיינונגען און געדאנקען זאלסטו האבן כלומרשט דיינע און איז תוך ווי א גראמאפאן זאלסטו נאכזאגן און נאכזינגען וואס די פירער ווילן. און אט אזוי "צוגרייטן צום לעבן" — דאס טוט דערציונג. פערד און אקסן צו דער ארבעט קאסטרירט מען זיי זאלן רויקער גיין אין שפאן, זיך ניט בריקענען. דער גרויסער פראגרעס פון קולטור און ציוויליזאציע האט אויסגעלערנט אויך ביי פרייע בירגער צו קאסטרירן די נשמות — באפרייען דעם בירגער פון דער אומבאקוועמקייט צו פארמאגן אן אייגענע באגריפן־וועלט, אן אייגענעם וועלט־באנעם, אייגענע מיינונגען און פארלאנגען. צו וואס ? — עס איז דא א "האלטייל" וואס מאכט עס גרינגער און ביליקער.

און כדי נשמות זאלן זיך ניט אויפוועקן, ניט רעוואלטירן, — איז קאמיקס און דזשאז און גיימס און באקס, און רייסעם (געיעג) זאלן זיין דיין גייסטיקער פארגעניגן פון קינדווייז אן און יאגן זאלסטו זיך נאך דעם ווי א

שיכור נאָכן טרונק. און אין פּראָגראַם פון דיין לערנען אין דיין יוגנט זאָל בעסער ניט זיין קיין שום זאַך וואָס קען חלילה אויפוועקן דיין איינענעם געדאַנק און געפיל . . .

צופאַסן לעבעדיקע מענטשן צו אַט אזא ראָלע אין לעבן דאָס טוט די פּראָגרעסיווע דערציונג ביי פעלקער און טעאָריעס. גלאַטע לאָזן זיך אופבויען ווי מען וויל און מען דאַרף. דען די פעלקער זיינען עקסאַגען. זיי קענען זיך ניט קאָנצענטרירן אויף די אבסטראַקטע נשמות פון יונגע מענטשן און צוליב זיי פאַרגעסן די אָביעקטן, וואָס מען דינט צו זיי. און דעריבער זיינען די גרויסע נביאים פון א נשמהדיקער דערציונג — א קאָמעניוס, א רוסאָ, פעסטאַלאָצי און פרעבל געבליבן סוף־כל־סוף עפּיזאָדן. דעם ערשטן האָט מען גרונטיק פאַרגעסן, פון צווייטן האָט מען געמאַכט א סאַלאָן־פאַרווייל, פון די איבעריקע צוויי האָט מען בילדער געמאַכט אויפצוהענגען דאָרטן, וווּ מען פאַרשוועכט אַמשטאַרקסטן זייערע געדאַנקען. אזוי איז עס און אַנדערש קען עס ניט זיין, ווייל מענטש און מענטשנס נשמה איז דאַך בלויז מער ניט ווי א געצייג, א מיטל צו עפּעס א ציל, וואָס ליגט ערגעץ אויסער די מענטשן. ערגעץ אין דער וועלט פון זאַכן, עקסאַגען. א נשמה־דערציונג, צעוויקלונג פון די געטלעכע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַרזייט אין די נשמות פון מענטשן — אזא דערציונג קען געשאַפן ווערן בלויז ביי א פאָלק מיט א ענדאָגענעם גייסט, און דאָס — ווען עס וועט גלויבן אין זיך, זוכן צו לעבן לויט זיין אייגענעם קאָלעקטיוון גייסט. און רעדט מען וועגן יידישער דערציונג, וועגן אויסהאָדעווען יידן, דאַרף מען וויסן איינמאָל און אויף תמיד: ניט מיט מעטאָדן און דרכים פון דער אייראָפּעישער פּעדאַגאָגיק קען מען איינפלאַנצן יידישקייט.

ז. זיי און מיר

און אזוי אומעטום, אויף אַלע, אַלע געביטן פון לעבן: צוויי וועגן, צוויי מינים גייסט. צוויי מינים מענטש און צוויי פאַרשיידענע וועלטן . . . איינע איז טרוקענער שכל, די צווייטע איז האַרץ. איינע זוכט גאָט אין זיך, די צווייטע זוכט געטער פאַר זיך. איין וועלט האָט געשאַפן "ברכי נפשי" און "מה רבו מעשיך ד'" און די צווייטע וועלט — . . . ווען יוליוס קייסער האָט מאַרשירט איבער די אַלפּן האָט ער געשריבן א גראַמאַטיק און זיך באַקלאָגט, אז די בערג שטערן אים זיין וועג . . . צום ניצחון, אונטערצודריקן, צו באַהערשן. איין ריכטונג האָט באַשלאָסן אז א סנהדרין וואָס פאַרמשפּט איין מאָל אין זיבעציק יאָר א לעבעדיקן מענטשן צום טויט איז א "רוצחישער" און די צווייטע ריכטונג האָט באַשאַפן פּאַראַדנע צערעמאָניאַלע סאַדיסטישע אינקוויזיציעס אין נאָמען פון גאָט פון ליבע.

איינע האָט באַשאַפן "וועגן און בריקן און מאַרקן" — ציוויליזאַציעס און הויכע לעבנס סטאַנדאַרטן און די צווייטע ריכטונג האָט זיך געעקלט

פון דעם אלעם ווייל . . . עס טאָר ניט 'האָבן קיין קיום דאָס וואָס עס איז געגרינדעט געוואָרן אויף אומרעכט.

און אַז איך האָב זיך סוף כל סוף אַרויסגעפּלאָנטערט פון דעם גייסטיקן טשאַד, וואָס די פרעמדע, גלאַנציקע בלעכלעך האָבן אויף אונדז אַלעמען אַרויפגעיאָגט, ווען איך האָב באַגריפן מיטן גאַנצן מאַרך וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן, האָב איך זיך דערמאָנט אַן אַלטע תּפילה, וואָס ייִדן זאָגן דריי מאָל אין טאָג : מיר דאַרפן דאַנקען דעם האַר פון אַלץ, צו גרייסן דעם שעפער פון בראשית, וואָס ער האָט אונדז ניט געמאַכט ווי די פעלקער פון די לענדער און האָט אונדז ניט געטאָן ווי די משפּחות פון לאַנד, וואָס ער האָט אונדזער חלק ניט געמאַכט ווי זייערן און אונדזער גורל ווי זייער גאַנצער טומל. בין איך היינט פון גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן באַוואוסט־זיין צופרידן ניט בלויז מיט מיין פיזישן אָפּשטאַם, נאָר מיט מיין גאַנצער געירשנטער ייִדישער אַנדערשקייט און ניט־ענלעכקייט צו זיי.

לאַנגע יאָרן פלעג איך האָבן פאַרדרוס, וואָס מיינע געדאַנקען קומען ביי מיר אַרויס ניט קלאָר גענוג, ניט גענוג פעסט און "וויסנשאַפטלעך" פאָרמולירט און באַגרינדעט. פלעג איך מקנא זיין פריינד פאַר זייער קאַלטער, לאָגישער וויסנשאַפטלעכקייט און דער אָביעקטיווקייט פון זייער בריטער וויסנשאַפטלעכער טעמאַטיק. פאַרוואָס ביי מיר זיינען אַלע געדאַנקען קאָנצענטרירט אַרום איין גרויסער פּראָבלעם און איך קען זיך פון דעם ניט אָפּרייסן, ווי אַמאָל האָט עס מיר אַ פריינד — אַ וויסנשאַפטלער דעפינירט ניט אָן פריינדלעכן מיטגעפיל ווי אַ "ייִדישקייט־קאָמפּלעקס" ניט פאַר קיין ייִדן געדאַכט . . . פלעגט מיר ווי טאָן וואָס מיין אינטויציע יאָגט מיך און לאָזט מיך ניט באַגרינדן די עלעמענטן פון געדאַנק און ניט "אויסשעפּן די פאַראַנענע ליטעראַטור" אַרום דער געגעבענער פראַגע, פאַרוואָס איך קען ניט זיין קאַלט און אָביעקטיוו אין די אַרגומענטן. בקיצור — האָב געהאַט פאַרדראָסן פון מיין קנאַפּער וויסנשאַפטלעכקייט . . . איצט בין איך אָבער אינגאַנצן צופרידן, מיטן גאַנצן האַרצן פון מיין "ניט־וויסנשאַפט־לעכקייט", אפילו מיט דער אומקלאָרקייט פון מיינע געדאַנקען, וואָס מען קריטיקירט מיך אָפּט פאַר איר. פאַרקערט וויל איך גאָר ניט פאַרוואַנדלען מיין "ייִדישן קאָמפּלעקס" אין פאָרמולירטע פּרינציפּן און נומערירטע פּאַראַגראַפן. אַנדערש וויל איך איבערלעבן מיין ייִדישקייט, ניט ווי אַ טעאָריע, צו אַנדערע סטרונעס אין ייִדישע נשמות וואָלט איך געוואָלט אַפּעלירן מיט מיין שרייבן, נאָר ניט, חלילה, צו דער קאַלטער לאָגיק. בין איך צופרידן וואָס איך פלעג פון תּמיד אַז עפּעס האָבן אַ ווידערגעפיל צו פאָרמולירן קלאָרע פּונקטן פון אַ פּראָגראַם. און אַזוי אויך אויף מיין ספּעציעלן געביט פון פּעדאַגאָגיק. בין איך צופרידן וואָס איך קען ניט אָפּטיילן אין זיך קיינמאָל דעם פּעדאַגאָגישן "קאָמפּלעקס" פון דעם ייִדישן, וואָס אין אַ יעדער געדאַנק קומט מיר אויס, אַז איך מוז אים זיין אינגאַנצן, וואָס מיין גאַנצער "איך" מוז זיין אין יעדער דעטאַל, וואָס איך קען ניט סיסטעמאַטיש

און "אביעקטיוו ־וויסנשאפטלעך" רעפערירן קיינע פעדאגאגישע סיסטעמען. כל־זמן זיי זיינען ניט מיינע.

און אזוי פון תמיד, אפילו ווען יונגע מענטשן פלעגן אין משך פון גאנצע פינף יאָר זיך גרייטן צו יידישער לערעריי אונטער מיין דירעקטער השפעה. איך פלעג אויך דאָרטן תמיד אויסמיידן צו רעפערירן פאר זיי קלאָרע, פאָרמולירטע פונקטן פון א וועלט־באנעם, פון מיין גלויבן. תמיד ווען עס פלעגט אויסקומען אנצורירן אָט אזוינע אינטימע איבערצייגונגען, וואָס פון זיי אייגנטלעך שטאַמען ארויס די מיינונגען און געדאנקען און וואָס ארום זיי האָט זיך דאָך געדרייט אונדזער גאנצע געמיינזאמע ארבעט, — ווען עס פלעגט דערגיין צו רעפערירן אָט די איבערצייגונגען, פלעגט זיך ביי מיר די שטימע ווי אפּהאַקן. שפּעטער איז מיר אויסגעקומען, אז אָט די אינטימע באַציונג צו די אייגענע אידעעם איז א יידישער נאַציאָנאַלער שטריך. יידן האָבן פון תמיד אָן ניט געוואָלט פאָרמולירן גאָט, ניט דערלויבט זיך ארויסצוזאָגן אפּן דעם שם המפורש.

שוין יאָרן ווי פאר מיינע אויגן שטייט דער אויפטו פון די פרושים אין זייערע דורות און מיר דוכט זיך אלץ, אז זייער גרויסער אינטויטיווער גלויבן און זייערע ניט פאָרמולירטע אידעעם האָבן פאַרמאָגט דעם אמת וואָס איז אויך היינט גילטיק. און מהאי טעמא טו איך אפּט ווענדן מיינע בליקן צו זיי ווי זיי וואָלטן איצט געלערנט און געטאָן. עמיצער האָט אפילו מיר פאַרשפּאַרט אַן ארבעט און אָנגערופן מיין אידעעם־וועלט "נעאָ־פרושיזם" (פר. יודל מארק אין "קולטור און דערציונג") אָבער איך וויל אויסמיידן אפילו דעם נאָמען. א נאָמען איז שוין אַן אבסטראקציע, א פאָרמולע און ניט דער אינהאַלט. H_2O איז און וועט אייביק בלייבן בלויז א טויטער סימן און קיין איין דאָרשטיקער נאָך וואסער וועט זיך מיט דעם ניט קענען אפּפרישן. היינט צו וואָס זאָלן מיר זיך האלטן מיט טויטע אבסטראקציעס? נאָך מער, עס דוכט זיך מיר גאנץ אפּט, אז די וויסנשאפטלער פון צווישן אונדזערע אמתע, אויפריכטיקע יידן לעבן איבער גאנץ אָפט שווערע קאָליזיע צווישן זייער טיף איינגעוואָרצלטן גייסט פון אינטויטיוו־עמאָציאָנעלן איבערלעבן אידעעם און צווישן דעם קאַלט־ראַציאָנאַליסטישן לאָגישן דיסקוטירן פּראָבלעמעס, וואָס זיינען זיי פרעמד און וואָס זיי צווינגען ארויף אויף זיך כדי צו זיין לויט די כללים פון וויסנשאפט ,וואָס מיר זיינען זיי מקנא. איינעם אזא גאנץ טראגישן קאָמפּלעקס, וואָס האָט געפּענטעט א גייסטרייכן יידישן מאן א גאנץ לעבן איז מיר אויסגעקומען צו רעפערירן ("אורים" תל־אביב, אין א רעצענזיע אויף דעם זאמלב' "ראשונים"). זיי זיינען אָבער, די קאָמפּלעקסן א סך אָפטער און א. סך גורלדיקער פאר דעם אָריגינעלן יידישן געדאנק.

ח. א מעשה מיט צוויי חברים מיט א גרויסן מוסר השכל

געווען אמאל, אין דער גאר נאענטער פארגאנגענהייט צוויי חברים. איינער א פשוטער, מיט קליינע פעיקייטן. דער צווייטער איז געקנאטן פון דעם טייג וואס פון אים ווערן גאונים, ממש ווי אין די פאלקס־מעשהלעך מיט די צוויי ברידער איינער א נאר, דער צווייטער א קלוגער. איז דער פשוטער אוועק אין פאלק אריין, זאמלען דעם פאלקס "נארישקייטן" — פאלקלאר, האט ער פון אט די פאלקס נארישקייטן קלוגע געשפייזט און אליין אויך זוכה געווען צו אייביקייט אין זיינעם א ווערק — אליין א שרייבער א קליינער, — איז אים דער זכות פון דעם פאלקס "נארישקייטן" בייגעשטאנען. און דאס דערפאר ווייל אט די נארישקייטן פון זיין פאלק זיינען אין זיין נשמה געווען. און אוועק איז ער פון דער וועלט מיט דעם גרויסן און זעלטענעם טיטול "אוהב ישראל".

און דער צווייטער? דער גאון? — טויזנטער און צענדליקער טויזנ־טער זיינען געווען זיינע תלמידים און נאכפאלגער. קלוגע, שכלדיקע ספרים האט ער אנגעשריבן אין די צענדליקער. נייע וועגן האט ער געבראכן, נייע האריזאנטן האט ער אנטפלעקט, שארפזיניק און שכלדיק פלעגט ער לייענען זיינע לעקציעס צום גרויסן געגנוס און פארגעניגן פון זיינע אנצאליקע תלמידים און חסידים, וואס האבן אים פארגעטערט און דאנקבאר געווען. ווי אפט האט ער זיך פארמאסטן צו פארריכטן דעם פאלקס טעותים, באפרייען פון די נארישקייטן, אויסגלייכן די פארקרימענישן און — צום סוף?

אן איינזאמער און פארלאזטער אויף דער עלטער און וואסער אייזל פארגינט זיך דאס ניט דעם פארגעניגן אויך א בריקע צו טאן דעם אלטן און אפגעשוואכטן לייב ווי אין יענעם משל? זיינע תלמידים? מיט א ווייטיק שטייען זיי פון וייטן. ווער עס איז צו וויט אוועק פון אלץ וואס דעם פאלק געהערט און אויך פון זיין — יידישן רבי *) און ווער עס האט דערשפירט אז אלע חכמות און קלוגע תורות זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן, על בלימה, אפגעריסן פון לעבן, פון לעבעדיקע מענטשן . . . און דער רבי אליין — אט ווי אין א חרם, כאטש ניט קיין אויסגערופענעם . . .

קלאר. יעדער שטויסער און בריקע געבער איז מעשה אייזל, גראב־יונגעריש. "רבן דקרו" איז א חרפה. אבער אין אלע נארישקייטן און גרייזן פון רבים איז פאראן עפעס אביעקטיווס, וואס די יידישע טראדיציע האט גערופן מיטן נאמען "השגחה". איז אט אויך אין דעם גורל פון די צוויי חברים און יוגנט־פריינד פאראן אויך די האנט פון השגחה: און וואס גרעסער דער מענטש, וואס גרעסער, טיפער, ברייטער זיין השפעה, — אלץ

---

*) אזוי איז עס אויך געווען אמאל מיט די תלמידים פון משה מענדלסאן, וואס האבן זיך געלאזט איינגנטלעך אויף זיינע וועגן און אוועק אזוי וויט, אז זייער רבי וואלט זיך דערשראקן ווען ער וואלט נאך געלעבט.

גיכער קומט די שטראָף פאר זיינע טעותים. האָט איינער זיך באהעפט מיט זיין פאָלק און איז ניצול געוואָרן און דער צווייטער האָט פארבלאָנדזשעט אין זיין אייגענער גרויסער חכמה.

און עס איז ניט קיין פריוואטער אומגליק פון א פערזאָן, פון א יחיד. עס איז אונדזער נאציאָנאלע טראגעדיע : מיר האָבן פארזינדיקט א צווייטן רמב"ם . . . און דאָס דערפאר וואָס מיר אלע (און דער רבי פאָרויס) האָבן זיך פארמאָסטן מיט אונדזער שכל אויסצופאָרריכטן דעם פאָלקס נארישקייטן, וואָס מיר האָבן העכער געשטעלט אונדזער (אָפט גאָרניט "אונדזער") שכל פארן פאָלקס קאָלעקטיוון הארץ. אָט דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן "בעסער מיט כל ישראל אין גיהנום, איידער אליין אין גן־עדן" — בעסער מיט כל ישראל אין נארישקייט איידער אליין אין חכמה. וויסנשאפטן, קלאָרע באגריפן, פארמולעס, זיינען שכל־געביידעס און אזוינע געביידעס אפילו ווען זיי זיינען אָביעקטיוו אמת, קענען אָפט זיין מענטשלעד, סוביעקטיוו ליגן, פאלש. אמת איז דאָס וואָס דער זאָגער גלויבט מיטן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער נשמה, וואָס טוט דעם זאָגער ווי, וואָס איז א טייל פון זיין גאנצן גייסטיקן וועזן. אלע אנדערע קאלטע אמתן, שכלדיקע אויספירן ווי פון מאטעמאטישע טעאָרעמעס זיינען פרעמדע און פאלשע ווען אפילו זיי זיינען אמת. אין א א צייט ווען פון פאלשע שעדלעכע תורות גייען ארויס פייער־צונגען וואָס דראָען צו פארברענען אלץ, דעמאָלסט קען זיך דער גרויסער תורה־מענטש, דער געלערנטער, דער "אורח־חיים" אליין אפילו קיין עצה ניט געבן — ער שפירט אפילו ניט סכנה. — די סכנה שפירט און ווייסט די אינטואיציע פון פשוטן "יוחנן וואסער־טרעגער", דער חוש פון שטארקן, הארציקן גלויבן, די שטומע נשמה, וואָס קיינע טעאָריעס, קיינע דערקלערונגען, קיינע פאָרמולעס פארמאָגט זי ניט, אָבער א ווילן, א גלויבן, א דראנג צו טאָן עפעס און א מורא ניט "נכשל צו ווערן". . . יוחנן וואסער־טרעגער איז ניט פרעמס אָן אויסטראכטונג. ער איז — די יידישע טראדיציע. אָן איר איז דער כלל געגליכן צו א יחיד, וואָס האָט פארלאָרן דעם אינסטינקט פאר זיין קיום. קיינע חכמות קענען ניט העלפן דאָ. אלע וואָס דערווייטערן זיך פון יוחנן וואסער־טרעגער, קענען ניט וויסן, ניט באגרייפן, ניט די סכנות, ניט די וועגן ווי זיך צו ראטעווען פון זיי. די וואָס ווילן ניט בלאָנדזשען, די וואָס ווילן געפינען דעם ריכטיקן וועג — זוכט אים ניט אין קלוגע, שכלדיקע טעאָריעס, זוכט אים ביי דעם קאָלעקטיוון שטומען יוחנן וואסער־טרעגער, ביים פשוטן יידישן געפיל, — אין אים איז די שכינה פון פאָלק, דער אמת פון פאָלק. כל־זמן עס איז נאָך עפעס אין פאָלק פאראן עפעס פון יוחנן וואסער־טרעגער, — לעבט נאָך דאָס פאָלק. וויפל מאָל איז דער יידישער געשיכטע האָט דער קאָלעקטיווער יוחנן וואסער־טרעגער מיט זיין האמעטנער האק געראטעוועט דאָס פאָלק פון דער שריפה, וואָס מוז קומען פון פאלשער תורה, פון דעם צעשפאלטענעם דואליזם : — יידישע תורה פון איין זייט און די פראכטפולע לילית פון דער צווייטער זייט . . .

איז דאָס די טראגעדיע פון ר' אלעזר הגדול, ווען ער האָט זיך איינער

געשטעלט קעגן דער טראַדיציע־מערהייט פון פאָלק.

ניין, לאָמיר ניט זוכן קיין טעאָריעס, קיין פאָרמולירטע יידישקייטן, קיין קלאָרע, אויסגעסדרטע עיקרים און פרינציפן, קיין קאַטעכיזם פון יידישקייט, ווייל —

"אויב קלאָר, — בין איך פארפאַלן,
אויב קלאָר איז מיין קינד בלינד,
לאָמיר זוכן א פונק אין הארצן,
א חוש, א גלויבן, א געפיל . . .
— ווו זיינען דיינע טויבן, יונתן?"

פרעגט פרץ צוזאַמען מיט לאהן אין דער "גאָלדענער קייט" ביי איר גלויביקן ברודער. און ער ענטפערט:

"דו האָסט זיי געקוילעט, לאה,
מיט דעם חלף פון קלאָרע, קאַלטע, געזעצן, נאַטור". . .

און צוזאַמען מיט לאהן קענען מיר אלע זאָגן: אויב קלאָר, אויב געזעץ, אויב שכל, פאָרמולעס, זיינען מיר פארלאָרן. בין איך נאָך אמאָל צופרידן וואָס איך האָב ניט קיין שכלדיקע, קלאָר פאָרמולירטע פרינציפּן און עיקרים.

2טער טייל

ווענן ביי יידן און דער אויסוועג

ט. אָפּשטאַם און אינהאַלט פון וועלטלעכקייט

"וועלטלעכקייט" איז א נײַ וואָרט. פון מײַן פריער קינדהייט געדענק איך א צווייט וואָרט — "עולמשער" *). באַצייכנט מיט דעם וואָרט האָט מען א מענטשן, וואָס איז עקאָנאָמיש ניט אָפּהענגיק פון קהל. דאָס וואָרט "עולמשער") איז קענטיק אינגאַנצן פארגעסן געוואָרן. אפילו ביי האַרקאַווי איז דאָס וואָרט ניטאָ. געקומען איז א נײַ וואָרט פון דייטשישן אָפּשטאַם "וועלטלעך". מעגלעך אויך, אז דאָס וואָרט "וועלטלעך" איז געשאַפן געוואָרן ווי אן איבערזעצונג פון רוסישן "סוועטסקי" ווי עס איז לכתחילה באַנוצט געוואָרן פון די שפּעטער פון וועלטלעכער יידישקייט ביי אונדז אין רוסיש טאַקע. דען רוסיש איז דאָך אייגנטלעך געווען די שפּראַך פון דענקען און שאַפן ביי אַלע יידישע פּאַרטייען און ריכטונגען וואָס האָבן פּראָקלאַמירט וועלטלעכקייט ווי א פּרינציפּ. ווי עס זאָל ניט זיין, זיכער איז אָבער אז צוזאַמען מיטן וואָרט איז אויך דער עצם באַגריף צו אונדז געקומען ניט ווי א ירושה פון "עולמישקייט", נאָר פון דער פרעמד.

אין די רוסישע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע קרייזן האָט מען געשטרעבט צו פארקלענערן די מאַכט פון קירך, אָפּצוטיילן די קירך פון דער מלוכה. אמעריקע און שפּעטער אויך פראַנקרייך, האָבן דאָס דעמאָלסט געדינט פאַר די רוסן ווי גליקלעכע מוסטערן פון לענדער, וווּ די קירך האָט ניט קיין פּאָליטישע דעה אין לעבן. עס האָט געמיינט אויסצושליסן רעליגיע פון דערציונג און צונעמען ביי דער קירך איר מאַכט איבער דער דערציונג. די וואָס געדענקען נאָך די אומבאַגרענעצטע מאַכט פון דער רוסישער קירך איבערן גאַנצן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד, די וואָס דערמאָנען זיך די אָפּענע און פארבאָרגענע השפּעות פון אַזוינע "גייסטער" ווי א פּאָביעדאָנאָסצעוו, די וועלן אָפּשאַצן די אומגעהויערע ראָלע פון דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר סעקולאַריזירן דאָס פּאָליטישע לעבן אין רוסלאַנד. פון דאַנען האָבן עס די יידישע סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען אַריינגעטראָגן דעם לאָזונג פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן.

*) די פאָרמע 'עולמשקייט' אָדער "עולמישקייט" — געדענק איך נימ צו האָבן געהערט.

אַבער ניט בלויז פון דאַנען. איז דאָך דער אינהאַלט פון באַגריף "וועלטלעכקייט" ביי יידן געווען א סך ברייטער, ווי דאָס, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט פאַר די רוסן. האָט אָט די ברייטע פּראָגראַם דאָך געדאַרפט האָבן נאָך אַנדערע מקורים.

עס איז געווען די צייט, ווען עס האָט אין "תחום" געהערשט דער רוסישער פּאָזיטיוויזם מיט פּיסאַרעוון בראש : א פּאָר גוטע שטיוול זיינען וויכטיקער ווי אַלע קונסט־מוזעאומס. יידישע יונגעלייט אוּן איבערהויפּט מיידלעך זיינען ביז רעליגיעזקייט געווען פאַרקאַכט אין אָט דעם פּאָזיטיוויזם. האָט מען דעמאָלסט ביי יידן שטאַרק בראַווירט מיט אָפּלייקענען אַלע געפילן: עס זיינען קיין געפילן ניטאָ און א סוף. ס'דערמאָנט זיך א כאַראַקטערים־טישער וויץ פון יענער צייט : א בחור דערקלערט א מיידל דעם פּאָזיטיוויס־טישן זינען פון די "כלומרשטע" געפילן, אַז א קוש איז דערפאַר אַנגענעם, ווייל עס איז וואַרעם. ווען דער בחור וויל אָבער א קוש טאָן די מיידל, לאָזט זי זיך ניט און גיט אים אַן עצה : — קוש שוין בעסער א וואַרעמען אויוון...

אויך אין די ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן איז דעמאָלסט אָנגעגאַנגען א הייסער קאַמף צווישן דעם וויטאַליזם און מעכאַניזם *).

דער קאַמף איז געווען א הייסער. די רוסישע אַזוי־גערופענע "דיקע זשורנאַלן" פלעגן די אַלע פּראָבלעמעס און שטרייטיקייטן פּאָפּולאַריזירן, און די יידישע יוגנט, פון יידישן תחום האָט מיט אַן אומגעהייערן אינטערעס גענומען די אַלע פּראָבלעמעס ווי די וויכטיקסטע לעבנס־פראַגעס. בכלל זיינען די פאַרשיידענע אין פלוג באַזונדערע אינטערעסן ווי פּאָזיטיוויזם, מעכאַניזם און אַנדערע ניט געגאַנגען סעפּאַרירט. פאַרקערט, זיינען זיי אַלע געקומען צוזאַמען ווי עלעמענטן פון דעם גרויסן אַלגעמיינעם העראָישן באַפרייונגס־קאַמף. איז פּאָפּולאַריזירן וויסנשאַפט געווען דעמאָלסט א גרונטיקער טייל פון פרייהייטס־קאַמף, א טייל פון גלויבן אין פאָלק און פון לעבן פאַרן פאָלק. עס קומט אויס מאָדנע פון דער צייט־דיסטאַנץ צו זען מיט וואָס פאַר גלויבנס עקסטאַז אַזוינע וויסנשאַפטלער ווי א פּראָפעסאָר טימיראַיזעוו, א לעסגאַפט האָבן געקעמפט פאַרן פּאָזיטיוויזם, פאַר מעכאַניזם אין דער וויסנשאַפט, ווי

*) דער לעצטער האָט געלערנט, אַז אין דער אָרגאַנישער וועלט זיינען ניטאָ קיין ספּעציפישע וויטאַלע כוחות, אַז אויך דאָ, ווי אין דער אומאָרגאַנישער וועלט קען מען אַלץ דערקלערן מיט ריין פיזיקאַלישע, כעמישע און מעכאַנישע געזעצן.

אזוי פאפולאריזאציע פון וויסנשאפט איז געווארן א שארפער געווער אין פרייהייטס־קאמף *).

דאס אלץ איז דעמאלט אין רוסלאנד געווען איין גאנצער געזעל־שאפטלעכער גלויבן — דער גלויבן אין פאלק און זיין פרייהייט. דא האט דער גרויסער פאלק־גלויבן (פאלקיזם) סובארדינירט אלץ — ליטעראטור, פילאזאפיע און אפילו אויך די עקזאקטע וויסנשאפטן צו איין גרויסער דינסט — דאס "דינען דעם פאלק" ווי מען פלעגט עס רופן אין רוסיש. אט "דאס דינען דעם פאלק" איז דער בולטסטער סימן פון דער רוסישער קולטור גאר אינגאנצן — צייטונגען, טעאטער, מאלעריי, מוזיק, ליטעראטור און וויסנ־שאפט — אלץ צו איין ציל. וועלטלעכקייט, פאזיטיוויזם און מעכאניזם זיינען געווען געווער אין אט דעם גרויסן קאמף פאר דעם גייסט פון פאלק. און אט דאס אלץ צוזאמען האט זיך אין יידישן לעבן און תחום איבערגע־טראגן דורך א ספעציפישער פריזמע און עס האט זיך ניט אינגאנצן צוגע־פאסט. ערשטנס אז דעם יסוד, אז דעם גרויסן גלויבן אין פאלק (אין יידישן, —אין רוסישן, וואס מען האט געקענט בלויז פון ליטעראטור, האט מען יא געגלויבט! האט נאך זשאבאטינסקי, אין 1909, געשריבן, אז דער ייד־אינטעליגענט קען פון רוסישן לעבן בלויז באזאראווו (טורגעניעווס העלד) און פון יידישן לעבן — דעם באזאר — מארק). צווייטנס, איז דאס געווען א פארטיקער בגד וואס מען האט געבארגט און מען האט זיך באמיט צופאסן דעם גוף צום בגד, דעם מענטשן צום סדום־בעטל. האט מען געזוכט און

---

*) טימיריאזיעווס ווערק : "דעמאקראטיע און וויסנשאפט", "אונדזערע אנטידארווי־ניסטן" און איבערהויפט זיין "לעבן פון געוויקס", האבן אין זיך מער גלויבן אין פאלק, אין גערעכטיקייט, מער פאטאס און פאעטישן פלאם איידער טרוקענע וויסנשאפט, וואס דער גרוי־סער פיטא־פיזיאלאג האט געקענט געבן. דאס לעצטע ווערק האט אויסגעהאלטן צענדליקער אויפלאגעס און איז געווען פארשפרייט אין אלע ראדיקאלע און רעוואלוציאנערע קרייזן. יידישע איבערזעצונג — 1922 יעקאטערינאסלאוו; 1טע אויפלאגע פון אריגינאל אין די 80ער; העברעישע איבערזעצונג פון י. ח. ברענער (!) האב איך געזען אין כתב יד. קלאר אז ניט צוליב אביעקטיווע באטאנישע אינטערעסן האט ברענער זיך פארנומען מיט דער ארבעט. עס איז געווען דער גלויבן אין דעמאקראטיש־שעפערישן כוח פון וויסנשאפט. טימיריאזעוו אליין דערמאנט אין א הקדמה א פריערדיקע העברעישע איבערזעצונג. איך האב זי ניט געזען און ניט געהערט.

א קליין ביכעלע פון מ. פאראדיי "די כעמישע געשיכטע פון א ליכט" האט אין רוסיש געהאט עטלעכע איבערזעצונגען (פאראן אויך א יידישע איבערזעצונג, ווילנע) און האט געהאט זיכער א גרעסערן סאציאלן ווערט איידער דער אריגינאל אין אלע ענגליש־שפראכיקע לענדער. די פאפולאריזאטארן רובאקין און לונקעוויטש זיינען געווען צווישן די פארשפרייטסטע שריי־בער פאר יוגנט. די יידישע ראדיקאלע און רעוואלוציאנערע קרייזן אין ווילנע פלעגן ארגאני־זירן אלע וואך פאפולערע לעקציעס וועגן פיזיק, כעמיע וכדומה (אין רוסיש).

אויסגעפונען דעם יידישן "קלער", זיין "מאכט" או"וו. האבן דער פאזיטי־וויזם און מעכאניזם דא געהאט א אוידיטאריע ניט פון א מלוכה און לאנד אינטעליגענץ, נאר פון חדר און ישיבה־יונגט צי אין ישיבה, צי אין זאקן־ווארשטאט וכדומה. האט עס אין די געדיכטערע יידישע קיבוצים אלץ געמוזט ווערן צו פיל פארייטפאכט, אפט עטוואס וולגאריזירט *).

און ווידער קען א וויץ עם בעסער כאראקטעריזירן: — אז אויפ־קלערער, אן אגיטאטאר מיט לאנגע האר דערקלערט זיינע צוהערער, אז ווען א מענטש שטארבט, איז דאס ניט ווייל די נשמה גייט ארוים, נאר ווייל עס גייט ארוים דער "וואזדוך" (לופט) . . .

האט מען פאר דעם גאנצן קאמפלעקס געהאט איין ווארט : וועלט־לעכקייט. איז שוין דא געווען : א) אנטיקלעריקאליזם :

"איך דארף ניט מער
קיין היטלמאן, קיין טיטלמאן, קיין מיטלמאן !
"א בעזים און א קער!" (מ. וויטשעווסקי).

ב) ניטא קיין גאט, קיין געטלעכע מאכט. ניטא קיין "איבערנאטיר־לעכע" (געמיינט וויטאליסטישע) כוחות. ס'איז אלץ "נאטור, געזעץ".

ג) ס'איז ניטא קיין עולם הבא, קיין אבסאלוטע "מען מוז", "מען טאר ניט". אין גאנצן לעבן מוזן מיר זיך רעכענען מיט דעם פאזיטיוויסטישן באדארף פון דער וועלט. דאס אלץ האט מען זיך געקענט אפלערנען.

מען טאר אבער בשום אופן ניט מיינען, אז דאס יידישע לעבן איז געווען א פשוטע קאפיר מאשין, אדער עפעס א שפיגל ניט גאר קיין פינקט־לעכער אפצושפיגלען פארקלענערט אלץ פון רוסישן לעבן. ניין און ניין. אין יידיש לעבן גופא זיינען געווען טענדענצן אייגענע, יידישע סאציאל־פסיכישע אייגנשאפטן און זיי, דווקא זיי, האבן דיקטירט וואס און ווי אזוי איבערצונעמען פון דער פרעמד און וואס פאר א יידישע אינהאלטן אין די באגריפן ארייצוטאן.

עס וועט זיין פאר מיר גענוג אנצומערקן איין יידישן שטריך, וואס איך רוף אן "דער פונצענטרישער דראנג פון יידישקייט". דער נאמען איז אפשר ניט גענוג קלאר. אבער איך האב לעת־עתה ניט קיין בעסערן, באנוץ איך דעם. איך מיין דערמיט צו זאגן אז אין איטלעכן יידן איז פאראן אן אינעווייניקסטער דראנג צו אנטלויפן פון יידישקייט וואס ווייטער. איז כל־זמן דער יידישער יחיד איז ניט זיכער אין זיינע מעגלעכקייטן צו קענען לעבן אן דער הילף פון זיינע מיט־יידן, כל־זמן אזא זיכערקייט איז ניטא, אין די ראציאנאליסטישע צוציונג צו יידן גובר די עמאציאנעלע אפשטויסונג פון יידן.

---

*) פארגלייך: "ווינטער אוונטן" פון חיה זעלדעס (דער באקאנטער א. ליטוואק), געשריבן לויט דעם פארשלאג פון י. ל. פרץ (לויט פערזענלעכע זכרונות פון א. ליטוואק).

קומט אָבער א זיכערקייט, אז "איך וועל קענען אויסקומען, אויסלעבן מיינע יאָרן אָן יידן" (צי צוליב געלט, צי צוליב גלייכבארעכטיקונג), דעמאָלסט באפרייט זיך דער אָפּשטוים־דראנג און ווערט אָפּן און דייטלעך. אין אנדערע צייטן איז ער באלאנסירט, אָדער בלויז פארמאסקירט. אָט דער צענטראָפּו־גאלער דראנג פון יידישקייט, וואָס איך נעם אָן זיין עקזיסטענץ ביי יידן פאר א געזעץ, העלפט מיר צו דערקלערן כמעט אלע עלעמענטן פון פיר און האנדלונגען פון איינצלנע יידן ווי אויך אָן א שיעור דערשיינונגען אין דער יידישער געשיכטע פון די אוראלטע צייטן ביז צום היינטיקן טאָג.

אָט דער אינטימער דראנג האָט עס געמאכט די יידישע בורזשואזיע און די משכילים אויפן שוועל פון ניינצנטן י"ה אזוי פריידיק, אזוי פול מיט האָפענונגען לגבי דער עמאנציפאציע, אָט דער זעלביקער דראנג האָט אויפן שוועל פון צוואנציקסטן י"ה באפליגלט די יוגנט און אינטעליגענץ פון תחום מיט ראָזע האָפענונגען פאר דער באפרייאונג פון רוסלאנד. דאָ האָט איטלעכער געזען זיין אייגענע קומענדיקע באפרייאונג פון יאָך פון יידישקייט (פון געטאָ בלע"ז). אָט דער זעלביקער דראנג האָט עס דיקטירט אָנצונעמען דעם גאנצן קאָמפּלעקס פון "וועלטלעכקייט" כאָטש עס איז גאָרניט אָרגאניש אין יידישן לעבן. בעסער — דווקא דערפאר, ווייל ער איז פרעמד און שטייט איין ביי "ליטן". אזוי ארום איז די פּראָלעטאַרישע "וועלטלעכקייט" —

א) זייער ענלעך צו דער בורזשואז־ליבעראלער "מענטשישקייט" (אדם בצאתך) פון די משכילים פריער.

ב) שטארק אנדערש פון דער זעלביקער באוועגונג ביים מוסטער־פאָלק — ביי די רוסן. דען דאָרטן איז אין דער באוועגונג געווען אריינגע־קנאָטן א אומבאגרענעצטע פאָלקיסטישקייט. דאָס איז געווען ניט בלויז אין דער באוועגונג פון "נאראָדניטשעסטוואָ" (אין פאָלק אריין!), וואָס איז פאר זיך געוואָרן א גלויבן (ניט קיין רעליגיע), — דאָס איז געווען דער גייסט פון דער ליטעראטור פון א טורגענעוו, קאָלצאָוו, ניקיטין, נעקראסאָוו און אפילו פון א יידישן נאדסאָן ביז צו אנדרעיעוון, טשעכאָוון שוין ניט ריידנ־דיק פון א טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעווסקי. די געטרייקייט צום פאָלק האָט געשטעקט אין דער קליידונג וואָס די סטודענטשאַפט, אינטעליגענץ און רעוואָלוציאָנערן פלעגן זיך כאַפּן צום טראָגן, אין דעם מאנער צו שערן די האָר, צו ריידן מיט פּויערשע פאָלקס אויסדריקן או"וו.

די אומגעטרייקייט צום יידישן פאָלק, די אנטיפאָלקיסטישקייט פון דער יידישער וועלטלעכקייט ווייזט זיך ארוים — אויך אין דער ליטעראטור וואָס איז אזוי כסדר קריטיש, דידאקטיש, אָפּשפּאָטעריש, קאלט (אויסער שלום עליכם. טיילווייז אנ־סקי, צום סוף פּרץ). אָפּט פרעמד און נאָכמאכעריש לויט די פאָרמען, כאָטש עס איז געשריבן אין יידיש. מיר זעען דאָס אין דעם כסדרדיקן דראנג צו נייע שפּראכן אָדער צו רעפאָרמירן דאָס לשון פון פאָלק

קלאמפערשט פארבעסערן, פארשענערן מיט דייטשמערישקייט, בארייכערן, אויסרייניקן פון פראווינציאליזמען ביז דעם חרם אויף העברעיזמען וכדומה. מיר זעען די קאלטקייט צו יידן אין דער נייטראלער באציונג צו פאגראמען. עס איז געווען אפילו בארעכטיקונג, אמאל אפענע אנערקענונג פון פאטאלער אומפארמיידלעכקייט "שמירעכץ צו די רעדער פון דער רעוואלוציע". די אנטי־פאלקיסטישקייט שטעקט אין די טעאריעס פון "יידישן פאראזיטיזם" און אין דעם יידישן אנטיסעמיטיזם בכלל.

ג) האט וועלטלעכקייט ביי די רוסן געשטרעבט ניט צו ענדערן דעם גאנג פון פאלקס קולטור, נאר אים צו באפרייען און גרינגער מאכן. האט אבער ביי יידן וועלטלעכקייט געוואלט בייטן די גאנצע ריכטונג פון פאלקס־שטייגער און קולטור.

ביי די רוסן איז וועלטלעכקייט געווען א סאציאלער קאמף; ביי יידן — קולטור־קאמף. דארטן איז עס געווען א נעגאציע פון דער סאציאל־פאליטישער הערשאפט פון דער קירך איבער דער קולטור און שטייגער פון פאלק, — ביי אונדז אבער האט וועלטלעכקייט נעגירט די עצם קולטור און שטייגער פון פאלק גופא.

בכן איז וועלטלעכקייט ביי יידן געווארן אין תוך אריין אויך א רעפארמיסטישע באוועגונג ווי אזוי צו פארשענערן יידישקייט און מאכן זי "אננעמבאר אויך פאר אונדז, וואס קענען זיך ניט אידענטיפיצירן מיט די פראסטע יידן".

איז ביי די רוסן וועלטלעכקייט געווען אן ארגאנישער טייל פון זייער פאלקיסטישן גלויבן. איז ביי יידן אבער וועלטלעכקייט געווען לגמרי ניט פארבונדן מיט א שטרעבן, מיט א אידעאל פון א יידישער צוקונפט. עס איז געווען א טעאריע, א "רעליגיע" פון וועלטלעכקייט אבער ניט קיין טייל פון א יידישן גלויבן. האט מען ביי די רוסן גערעדט פון "פאלקס־מאסן" האט עס געמיינט די נשמה פון פאלק, וואס מען וויל זיך מיט איר צונויפשמעלצן. האט מען ביי וועלטלעכע יידן מיטןווארט "פאלק", "פאלקס־מאסן" לכתחילה געמיינט — דאס רוסישע פאלק — שפעטער די יידישע מאסן ווי אן אביעקט פאר רעפארמעס מיט א גרויסן גרימצארן פאר ניט לאזן זיך רעפארמירן ווי מיר ווילן.

דערמיט דערקלערט זיך אויך פארוואס וועלטלעכע יידישקייט האט, ווי די השכלה בשעתה, ניט אויסגעהאלטן קיין צוויי דורות. מענדלסאן און אלע אנדערע משכילים, זיינען זיכער געווען יידן מיטן גאנצן הארצן און האבן ניט געוואלט יידישקייט זאל אונטערגיין. און דאך איז די גרויסע שמד־מגפה ביי דעם צווייטן דור א דירעקטער פועל־יוצא פון דער השכלה פון

ערשטן דור, וואָס האָט ניט געוואָלט קיין שמד. ווי אַזוי קומט עס ? — מען מוז געדענקען אַז אין יעטווידער באַוועגונג איז פאַראַן דער אָביעקטיווער געשיכטלעכער גאַנג פון סיבות פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט קומען די דעקלאַראַציעס פון מענטשן, אַרויסזאָגונגען, דעקלאַמאַציעס, אידעאָלאָגיע, וואָס שפּיגלען לחלוטין ניט אָפּ די אינטימע, אָביעקטיווע שטרעבונגען.

דער בראשיתדיקער סאָציאַל־פּסיכישער דראַנג פון דער גאַנצער השכלה איז דאַך געווען — דאָס "אַריינגיין אין דער געזעלשאַפט", באַהעפטן זיך אין איין געמיינשאַפט. — אַלץ וואָס שיידט אונדז אָפּ פון אייך זיינען מיר גרייט אָפּצוּוואַרפן (דאָס האָט פון גאַנצן האַרצן גערעדט דער דראַנג — פון יידישקייט) "אָבער אונדזער אמונה צו בייטן, — דאָס פאָדערט ניט פון אונדז". (מענדעלסאָן אין "ירושלים", און כמעט אַלע אַנדערע). — דאָ האָט ווי מיט האַמערס געשלאָגן אין האַרצן דער יידישער געוויסן אויסגע־האָדעוועט אין טראַדיציאָנעלער יידישקייט. — די קינדער אָבער, דער צווייטער דור, אויסגעוואַקסן ביי די משכילים האָט שוין אָט דעם יידישן געוויסן ניט געהאַט, ביי זיי איז געבליבן בלויז דער ערשטער — פון־יידישקייט־דראַנג. דער גרויסער טראַדיציאָנעלער פּחד פאַר שמד האָט ביי זיי שוין ניט געקענט זיין, טאָ ווי אַזוי זאָלן זיי ניט אַריינגיין אין גן־עדן פון דער ניט־יידישער געזעלשאַפט איבערשפּרייזנדיק איבער אַזאַ קליינעם באַריער ווי אָט דאָס "צושמדן" זיך איז פאַר זיי געווען ? דער ערשטער דור משכילים האָט אינטים געגלויבט, כאָטש ניט אָפן געזאָגט :

1) אויף אַלע געביטן פון לעבן זיינען מיר דערונטערדיק און דאַרפן זיך לערנען לעבן ווי אונדזערע באַלעבאַטים.

2) מיר אַנערקענען כמעט אַלע פון אונדזערע אייגנטימלעכקייטן פאַר נעגאַטיווע אָדער מינדערווערטיקע און זיינען גערן גרייט דאָס אַלץ אויפצוגעבן אויסצוראָטן ביי זיך כדי נאָר צו זיין גליך מיט לייטן.

3) אוועקגיין אָבער פון יידישן פאָלק ווילן מיר ניט. (דער גרויסער טראַדיציאָנעלער פּחד און גרויל פאַר שמד שרעקט אָפּ!) ווילן מיר דעריבער לאָזן איין קליינעם געביט וואָס וועט זיין מער אַ סימבאָל פון אונדזער יידיש־קייט איידער אמתע יידישקייט, און דעריבער נעמען מיר אָן, אַז —

4) יידישקייט איז ניט קיין גלויבן און לעבן־פיר און יידן זיינען ניט קיין באַזונדער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער, עטנישער און קולטורעלער איינס, נייערט בלויז אַ רעליגיע, ריכטיקער — אַ ספּעציעלער, סעפּאַראַטער קולט, ריכטיקער — אַ ספּעציעלער אופן פון גאָטעסדינסט איינמאָל אין וואָך, צי איינמאָל אין יאָר.

דאָ איז געווען די גאַנצע פּראָגראַם פון דעם ערשטן דור משכילים. די קינדער און בכלל אַלע אויסגעוואַקסענע איז אַט דער געטעסדינסט יידישקייט האָבן די צוציאונג צו אַלעם ניט־יידישן געהאַט אין אַ פאַרגרעסערטער מאָס, דער אָפּשטויס פון יידישקייט — ווידער אַמאָל פאַרגרעסערט, קיין איינגעגלידערטקייט אין יידישע אינטערעסן און קאָמפּלעקסן איז שוין ניטאָ; דער גרויל קאָמפּלעקס פאַר שמד — אויך ניטאָ. טאָ פאַרוואָס ניט זיין אויסגעהאַלטן און קאָנסעקווענט און איבעררייסן די לעצטע שפּינוועבס־פעדים פון עפּעס אַ נאַרישער צערעמאָניע, וואָס שיידט מיך אָפּ פון דער וועלט, וואָס איז לויט מיין מיינונג און לויט אונדזער דערציונג אינגאַנצן פּערפעקט און אַן פעלערן?

דאָ איז געווען די לאָגיק פון צווייטן דור. און — מאַסן־שמד אין דייטשלאַנד און אויך מיט הונדערט יאָר שפּעטער — אין צאַרישן רוסלאַנד ערב דער ערשטער מלחמה, אין סאַמע ברען פון ביילים־אידע, רעאַקציע און פּאָגראָמען, איבערהויפּט נאָך אַז "מען איז דאָך פּאָזיטיוויסטן, רעאַליסטן, אוטיליטאַריסטן און אַלערליי 'זאַבאַבאָנעם' אינטערעסירן אונדז ניט".

דאָ איז געלעגן דער אָביעקטיווער געדאַנק פון אויסיידישונג־שטראָם. אַלע רייד וועגן דער גרויסקייט פון דער השכלה, דער הימלס־טאָכטער, דאָס וועלן פאַרוואַנדלען אויפקלערונג — בילדונג אין אַ אידעאַל, אין אַ קולט, כמעט אין אַ גלויבן, — דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַ פּסיכאָלאָגישע "קאָמפּענסאַציע" צו "פאַררייידן די ציין" און צו פאַרשרייען דעם אייגענעם געוויסן פאַר די אָפּטריניקייט, דאָס כשר פיסל פון טריפענעם חזיר. דער צווייטער דור האָט שוין ניט געדאַרפט קיין זאַך פאַרענטפערן, קיינע תירוצים ניט פאַר זיך, ניט פאַר לייט; איז פאַר אים אויך די גאַנצע השכלה־טעאָריע און פּראָפּאַגאַנדע געווען "אַ נאַאיווע דעקלאַמאַציע פון אונדזערע עלטערן".

און פון דאַנען וויל איך פּרובירן מאַכן אַלגעמיינע אויספירן:

א) קאָמפּענסאַציע־טעאָריעס פאַר יידישקייט האַלטן זיך בכלל בלויז כל זמן עס איז ביי לעבעדיקע יידן פאַראַן אַ קאָמפּלעקס וואָס לאָזט ניט אָפּרייסן זיך אינגאַנצן פון יידישקייט: העלעניזם, צדוקיזם אין אַלטערטום זיינען געווען פון דעם מין. השכלה — אין דער נייער צייט.

ב) אַלע טעאָריעס וואָס קומען צו באַגרינדן יידישקייט פון שטאַנדפּונקט פון יידישער ענלעכקייט צו אַנדערע פעלקער זיינען אַ קאָמפּענסאַציע־טעאָריע: איטלעכע יידישקייט פון דעם מין איז אַ קאָמפּענסאַציע־יידישקייט. פּשוט גערעדט: אַ קליינע פּראָגראַם פון יידישקייט וואָס דאַרף פאַרשטעלן דעם טיפערן דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט, אַ מינימום יידישקייט, וואָס דאַרף כשרן דעם מאַקסימום ניט־יידישקייט.

לויט אַלע סימנים איז אונדזער וועלטלעכקייט געווען לכתחילה ניט

מער און ניט ווייניקער ווי א קאמפענסאציע־טעאריע, א נייע אויפלאגע פון השכלה, ווידער אמאל ניט קיין יידישער גלויבנס־אידעאל, נייערט א מין רעליגיע אזא. אמת, וועלטלעכקייט האט גערעדט אין נאמען פון פראלעטאריאט און יידישע מאסן, השכלה איז דאך געווען א בורזשואזע באוועגונג. דער אונטערשייד איז געווען אין די לאזונגען; אין לעבן אבער האבן ביידע באוועגונגען געווירקט אין דער זעלביקער סאציאלער סביבה פון יידישע באלעבאטישע קרייזן און מיטן צעפאלן פון דער יידישער טראדיציע האט וועלטלעכקייט ווי אויך השכלה בשעתה ארומגעכאפט אלץ ברייטערע קרייזן, און אין ביידע פאלן איז דער גרונט פראצעס—אויסיידישונג—געגאנגען וואס ווייטער אלץ שטארקער. און די שילד־טעאריע, די קאמפענסאציע, די השכלה אדער וועלטלעכקייט זיינען ביידע אויסגעלעבט געווארן אין איין דור.

פונקט ווי די השכלה האט אויך וועלטלעכקייט קלאר געוווסט, און אפן געקענט אנרופן וואס צו נעגירן, וואס אפצוווארפן פון יידישקייט. און אויף א מאדנעם אופן זיינען דאס געווען כמעט די זעלביקע עלעמענטן, וואס עס האבן אפגעווארפן די משכילים. די לעצטע האבן דאס אלץ פראקלאמירט פאר נאציאנאל־קולטורעלע עלעמענטן פון יידישקייט און די זיינען טריף מחמת יידישקייט איז דאך כידוע בלויז א רעליגיעזע געטעסדינסט. פאר די וועלטלעכע יידן איז דאס אלץ געווען טריף, ווייל עס איז רעליגיע, קלעריקאליזם, בית־מדרשדיק, קליין־שטעטלדיק או"וו. דער צד השווה — אלץ וואס שטערט אונדז אויסצומישן זיך מיט ניט־יידן איז נעגאטיוו, טויג ניט, ניט וויכטיק לגמרי—מען קען דאך זיין א ייד אויך אן דעם. אלץ—דער גאנצער יידישער שטייגער און לעבנס־גאנג, — אלע יידישע זיטן און מנהגים — אלץ איז רעליגיע און במילא ניט אבליגאטאריש פאר אונדז, וועלטלעכע.

איז פסיכאלאגיש גענומען דא די נעגאציע צו אל דעם יידישן פריער, בראשיתדיק. די דערקלערונג, אז עס איז "מוקצה מחמת רעליגיע" איז סעקונדער צוגעטראכט. די נעגאציע פון אל דעם יידישן שטאמט פון דעם בראשיתדיקן און גורלדיקן צענטראפוגאלן דראנג צו אנטלויפן פון יידן און יידישקייט. דער וועלטלעכקייט־מאטיוו איז אן אנגענומענער, א איבערגענומענער כדי צו דערקלערן, צו פארענטפערן. וועלטלעכקייט איז אנגענומען געווארן ווי א רעליגיע אזא, ווי א מיטל צו קענען לעבן דואליסטיש — "פאר גאט באזונדער און א גאנצן לעבן גאר אנדערש". אט פארוואס די וועלטלעכע יידן וואס האבן ווי די משכילים בשעתם זייערע באגריפן איבערגענומען פון דער פרעמד, פאר רעליגיע געהאט צוויי באזונדערע אינהאלטן.

איינמאל איז רעליגיע געווען בלויז געטעסדינסט און מען האט געלערנט אז אזוי ווי עס קענען זיין דייטשן פון פארשיידענע רעליגיעס, אזוי קענען אויך זיין "יידן פון אלע רעליגיעס" (וו. מעדעם און אויך זישטלאווסקי) און אן אנדער מאל איז רעליגיע אלץ וואס יידן פלעגן געוויינט זיין נוהג צו זיין זיך אזוי — מלבושים נאציאנאלע, מאכלים־מנהגים און יום־טוב מנהגים וואס האבן קיין שום שייכות ניט צו קולט און אפילו ווערטער פון דער יידישער שפראך וואס האבן א "רעליגיעזן אפשטאם" (נ. שטיף). און

דעריבער, מחמת דעם דראנג פון יידישקייט און דעם צווייטן דראנג — צו ניט־יידישקייט, זיינען זייער פיל קריסטלעכע מינהגים דערקלערט געווארן אין דער זעלביקער צייט פאר וועלטלעכע און במילא כשר פאר וועלטלעכע יידן. קריסמעס נאכט מיט א קריסמעס בוים איז א גאנץ וועלטלעכער מנהג לויט אונדזער נייעם וועלטלעכן שולחן ערוך. און מענטשן וואס האלטן זיך פאר באוווסטזיניקע יידישע נאציאנאליסטן פארגעסן דערביי דעם איינגעוואקסע־נעם נאציאנאל־יידישן געפיל פון מוקצה און שרעק צו דער זעלביקער "ניטל־נאכט". היינט ווער רעדט שוין, וועגן דעם יום־טוב פון ניי־יאר. דאס איז ביי וועלטלעכע יידן ניט נאר כשר געווארן, נאר עס איז געווארן כמעט א מצווה, וואס בלויז אפגעשטאנענע זיינען ניט מקיים. יא, די "וועלטלעכע" שיכרות־נאכט פון הייליקן סילוועסטער (ניי־יאר) איז שוין באלד אזוי ספע־ציפיש יידיש, אז זי איז שוין באלד פארמיאוסט געווארן ביי אמתע ניט־יידן . . . און די מהדרין פון צווישן וועלטלעכע יידן געפינען אפילו א היתר אויף "פאסכא"־אייער און נאך אזוינע זאכן. די וועלטלעכע יידן האבן רק געהאלטן אין איין זוכן אן איסור אויף יידישע זיטן, מנהגים און — אין איין זוכן א היתר אויף ניט־יידישע מנהגים ביז . . . אט דאס אלץ ניט־יידישעס איז געווארן דער נאטירלעכער שטייגער פאר זייערע קינדער, וואס האבן קיין שום בענקשאפט צום יידישן שטייגער, ווייל זיי האבן אין אים ניט געלעבט, כאטש זיי האבן טיילווייז וועגן אים געלערנט. פארשטייען ניט די יונגע וואס די אלטע דרייען א קאפ מיט עפעס א יידישקייט אן און אינהאלט. קרענקט עס די עלטערן וואס די יונגנט וויל ניט "וויסן" כאטש פון דער "פארגאנגענער" יידישקייט. דעריבער האט וועלטלעכקייט ווי די השכלה בשעתה שטארק געהאלטן פון געשיכטע און זי דערהויבן צו א יסוד פון יידישקייט: יידישקייט איז אין פארגאנגענהייט און אונדזערע יידישע שטרע־בונגען ציען אונדז צו געשיכטע. א יום־טוב, א מנהג, יידישקייט בכלל — אלץ איז פארגאנגענהייט, געשיכטע. היינט דארפן מיר בלויז א זכר פון דעם אלעם, אונדזער גאנצע יידישקייט איז בלויז א זכר ליידישקייט. אט אזא היסטאריזאציע פון יידישקייט איז אויך געמיינזאם פאר דער השכלה און פאר דער וועלטלעכקייט.

אזוי ארום האט וועלטלעכקייט געהאט א טאפלטן אפשטאם. דער באגריף גופא, דער אפיציעלער אינהאלט פארן באגריף, די פארמולע און די פונקטן וואס זי האלט איין אין זיך — דאס איז געווען איבערגענומען פון דער פרעמד, איבערהויפט פון דער ראדיקאלער רוסישער געזעלשאפט. דער פראקטישער סאציאל־פסיכאלאגישער אינהאלט אבער, די אימפולסן, די נאציאנאל־סאציאלע טרייבקראפט און די ריכטונג, וווהין זי פירט, — דאס אלץ איז ווי פון דער השכלה — דער קאמבינירטער דראנג פון יידישקייט און צו ניט־יידישקייט.

וועלטלעכקייט איז א קאמפענסאציע־טעאריע. וועלטלעכקייט איז א "רעליגיע" פון יידן וואס שטרעבן צו אסימילאציע און ווילן זיך רעכענען

פאר נאציאָנאַלע יידן.

טאַ לאָמיר, וועלטלעכע יידן, וואָס מיר זיינען, זיך אליין מודה זיין: אונדזער וועלטלעכע יידישקייט האָט פארלאָרן זיך אליין. און לאָמיר אומקערן די אבידה, לאָמיר זיך קלאָר זאָגן:

א) וועלטלעכע יידישקייט מוז זיין א גלויבן. ניט קיין רעליגיעז־טעאָלאָגישער, נאָר נאציאָנאַל־קולטורעלער.

ב) אלע עלעמענטן פון יידישקייט זיינען געשאפן ניט פון גאָט, ניט פאר גאָט, נאָר פון פאָלק פארן פאָלק.

ג) וועלטלעכע יידן נעמען אָן און ציען ווייטער די פארזיכיקייט און אייגנאַרטיקע אנדערשקייט פון יידישן פאָלק אין נאָמען פון דעם פאָלקס־גאַנצקייט און זעלבסטשטענדיקייט, פונקט ווי די רעליגיעזע יידישקייט האָט זיך ניט געמישט מיט אנדערע און ניט נאָכגעמאכט קיינעם אין נאָמען פון גאָט.

ד) וועלטלעכע יידן זאָגן זיך ניט אָפּ פון קיין קולטור־ירושה. זיי אקצעפּטירן די גאַנצע יידישע טראדיציע הן אין ווארט, הן אין שטייגער, (אנדערש: הן אין "אגדה", הן אין "הלכה"), — זיי היטן עס אָבער ניט צוליב גן־עדן, עולם הבא וכדומה, נאָר צוליב ליבע, אכטונג און געטרייקייט צום פאָלקס טראדיציע און שעפערישקייט אין אקטיוון לעבן פון פאָלק ווי א פאָלק.

ה) וועלטלעכע יידן פירן איין פאר זיך ניט ווייניקער ווי די רעליגיעזע א נאציאָנאַלע דיסציפּלין פון געבאָט און פארבאָט, וואָס זייער אַלגעמיינער ציל איז — ניט איבערצונעמען קיינע פרעמדע קולטור־טראדיציעס און אָפּצוהיטן די אייגענע.

ו) מיט דעם אַלעם דארפן זיך נאציאָנאַל־וועלטלעכע יידן אָפּשיידן פון די הפקר־יידן, וואָס: 1) זאָגן זיך אָפּ פון אַלעם יידישן; 2) נעמען איבער אַלץ פון דער פרעמדער און באנוגענען זיך מיט א כלומרשטן "יידישן באוווסטזיין", און זוכן אין ווארט "וועלטלעכקייט" א הכשר אויף אַל־די הפקרות.

י. מקורים פון יידישיזם

א. אַ קאָמפּענסיר אידעע

אַלע קאָמפּענסאציע־טעאָריעס מוזן פארמאָגן עפּעס א צענטראַלן פּאָזיטיוון געדאנק, וואָס ער זאָל קענען געקרוינט ווערן פאר שקול כנגד כל היידישקייט. — אָט דאָס איז דער עיקר, און היות ווי מיר האלטן פון אָט

דעם "עיקר", וואָס ער איז שוין כולל אַלץ מיט אַן אַנדער, דעריבער קענען מיר און מעגן אָפּוואַרפן אַל־דאָס איבעריקע. אַט דער געקרוינטער, פּאָזיטיווער עיקר, ער טראָגט דאָך די קאָמפּענסאַציע, ער דאַרף דאָך מכפּר זיין פאַרן נעגירן דאָס גאַנצע, פאַרן לייקענען אַל־דאָס איבעריקע. האָט דער גרויסער טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון אַסימילאַציע ביי יידן — ירבעם בן נבט — פאַר אַזאַ מין קאָמפּענסיר עיקר געמאַכט די צוויי גאָלדענע סימבאָלן פון יהוה איז געשטאַלט פון אָקסן לויט **דער דעמאָלסטדיקער מאָדע** אין דער אַרומיקער "גרויסער קולטור־וועלט" (**מצרים און בבל**). **"אלה** אלוהיך ישראל!" — אַט דאָס זיינען דיינע געטער, ישראל. — "האַלט פון זיי, פאַרהייליק זיי, — און מיט דעם וועסטו יוצא זיין פאַר דיין יידישקייט און דו וועסט קענען און מעגן אָפּוואַרפן אַל־דאָס איבעריקע, וואָס איז דאָך אַזוי קליינשטעטלדיק, אָפּגעשטאַנען, אַזוי געטאָדיק, אַזוי מעשה שניפּעשאָק און איישישאָק . . . שטיי אויף, מיין פאָלק, זיי ענלעך צו אַלע גרויסע פעלקער . . . אאַ"וו, האָבן אויף אַלע גאַסן און מאַרקן דעקלאַמירט די נביאים פון ירבעמס "פּראָגרעסיווער יידישקייט". צייטן בייטן זיך, אָבער נייגונגען ביי יידן, דאַכט זיך, — ניט !

די שומרונים, די אָפּשטאַמלער פון ירבעמס יידישקייט, וואָס זיינען, נעבעך, געבליבן איזאָלירט, אַן אַ גרויסן פאָלק, וואָס אין אים זאָלן זיי זיך קענען צעלאָזן ווי זאַלץ אין וואַסער (אַסימילירן זיך, בלע"ז) — זיי האָבן זייער פּאָזיטיוון עיקר געהאַט אין זייער הייליקן באַרג און אין פאַרגליווערטן אות פון זייער תורה, און דערמיט פאַרשפּאָרן זיי צו היטן יידישקייט אין לעבן.

די צדוקים האָבן שפּעטער געמאָלדן פאַר זייער צענטראַלן עיקר די תורה שבכתב און דאָס ריגאָרישע אָפּהיטן פון עטלעכע פאַרעלטעטע מצוות ("אהא, מיר זיינען בעסערע היטער פון יידישקייט!") ענלעך צו דעם האָבן עם מיט אַ טויזנט יאָר שפּעטער די קאַראַימער געמאָלדן דעם "מקרא" און העברעיש פאַר דעם צענטער פון יידישקייט. דערמיט פאַרשפּאָרן זיי צו היטן יידישע טראַדיציע.

האָבן די קריסטן און איבערהויפּט די אייראָפּעישע קריסטלעכע פעלקער געמאָלדן, דעקלארירט פאַר זייער צענטראַלער הייליקייט — אַט יענע גאָט־מענטש־שעפּעלע איז דאָס דער טרעגער פון מענטשנליבע און גוטסקייט און וואָס מיט אים זיינען מיר אַלע שוין יוצא ווען מיר האַלטן פון אים און מיר פאַרשפּאָרן דאָס אָפּצוהיטן אַליין.

האָבן אין אַ טויזנט יאָר אַרום נאָך די קאַראַימער ביי יידן די משכילים ווידער שטאַרק דעקלארירט און דעקלאַמירט זייער איבערגעגעבנקייט צום תנ"ך און העברעיש. ווי פאַרליבטע ריטערס פלעגן זיי זינגען סערענאַדעס צו דער "השרידה. היחידה", און לעבן פלעגן זיי אָבער אַזוי, אַז דער צוויי־

טער דור פּלעגט שוין בדרך כלל ניט וויסן אפילו פון דער טייערער "שפתנו הקדושה" צוזאמען מיט יידישקייט בכלל.

און אַט פון דעם זעלביקן מין צענטראַלע קאַמפּענסיר־עיקרים איז אויך געווען דער עיקר, וואָס די וועלטלעכע יידן האָבן פּראָקלאַמירט — דער יידישיזם. עס איז פון לכתחילה אַן געווען ניט קיין גלויבן, נאָר אַ רעליגיע און מער ניט.

פון וואַנען איז דער עיקר גענומען געוואָרן? ווי אַזוי איז עס די יידישע שפּראַך געוואָרן צו אַזאַ קאַמפּענסיר־צענטער ?

ב. ניט פון אַ גלויבן אין פאָלק

עס האָבן געקענט זיין צוויי מקורים : אַ פאָלקסטימלעכער און אַ נאָכגעמאַכטער; דער פאָלקסטימלעכער יידישיזם איז שוין געווען אַ סך פריער. פּונקט אַזוי איז אַראַמיש געוואָרן די שפּראַך פון יידישער קולטור, פון תלמוד, ווייל זי איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון פאָלק, און אַט דאָס פאַרזיכיק לעבן איז געווען די תורה שבעל פה — דער גאַנצער גלויבן פון יידן. האָט די הייליקייט פון אַלעם פאָלקסטימלעכן און די געטרייקייט צו דעם שוין אויך פאַרהייליקט די שפּראַך פון פאָלק — אַראַמיש. אַז הייליק זיינען יידן, אַז יעדער יידישער מינהג, יעדער פיר איז הייליק ווי דער באַרג סיני, איז אויך די שפּראַך פון די יידן הייליק.

אָט אַזאַ באַציונג צו יידיש ווי צו דער שפּראַך פון פאָלק איז געווען ביי די חסידים — דעם בעש"ט, ר' נחמן בראַצלאַווער, דעם "קדושת לוי" וכדומה. זיי האָבן דערהויבן יידיש ביז צו דער שפּראַך פון תפילות (פון דעם ליאָבאַוויטשער. דערציילט מען, אַז ער פלעגט ממש דאַוונען אין יידיש). צוליב זייער שטאַרקן גלויבן אין פאָלק האָבן זיי במילא טייער געהאַלטן אַלע עלעמענטן זיינע און אויך זיין שפּראַך. אַן טעאָריעס, אָן חכמות, אָט ווי מען ליבט אַ קינד אָדער אַ מאַמען. גאָט, וואָס זיין "איד", זיין "שכינה" איז דער גייסט פון פאָלק, מוז דאָך ריידן אויפן לשון פון פאָלק. דאָס איז דאָך אויך די סיבה פאַרוואָס די טראַדיציע־געטרייע יידן אין בבל, די תלמודיסטן, גאונים אא"וו. האָבן אַזוי פאַרהייליקט דאָס דעמאָלטדיקע אַראַמישע יידיש און איז דעם יידישן לשון געשאַפן די גמרא און די אינטימסטע תפילות, ווי קדיש, יקום פורקן, אקדמות און דעם זוהר. עס איז ערגעץ פאַראַן אַ חסידיש ווערטל, אַז צו אהבת שמים קען מען קומען דורך אהבת ישראל. און אָפט פלעגט עס גיין נאָך ווייטער — אהבת ישראל איז אהבת שמים. ליב האָבן, טייער האַלטן, אָפּהיטן אַל־דאָס יידישעס — דאָס איז דער יידישער גלויבן. אַל־דאָס ספּעציפיש יידישעס, אַלץ וואָס עס איז ביי יידן איינגנס, ניט נאָכגעמאַכט, — אַלץ דאָס איז הייליק. קלאָר—דאָ טאָר מען ניט

ריידן וועגן א יידישזם ווי וועגן עפּעס א צענטראַלן עיקר. פאַרקערט, איז דאָ עס געווען א טייל פון א גלויבן, איין עלעמענט פון א גרויסן "פאָלקיזם", וואָס האָט באַדאַרפט באַנייען און פאַרשטאַרקן דעם פאָלקס כּחות צו לעבן דורך דעם דערמוטיקנדיקן גלויבן. דאָ האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן א וואָסער עס איז שפּראַכן קאַמף. עס קענען זיך דאָך ניט קריגן צוויי זיילן פון איין גאַנצן, צוויי העלפט פון א גאַנצער געביידע. עס איז דאָך ניט שייך קיין קינאה. א שפּראַכן־קאַמף האָט געקענט אַרויסקומען בלויז דאָרטן וווּ שפּראַכן זיינען געוואָרן צו א צענטראַלן עיקר — די שפּראַך, יענע שפּראַך איז שקול פאַר כּל היידישקייט און ווייטער גאָרניט. איז טאַקע אַזוי; דער העברעיזם און דער יידישיזם —ביידע שטאַמען זיי פון קאָמפּענסיר־טעאָריעס אין יידישן לעבן. ביידע שטאַמען זיי פון איין פּסיכאָלאָגישן מקור : פון דעם דראַנג צו אַנטלויפן פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט, אַזוי קענען פון איין פונקט אַרויסגיין צוויי אַנטיגאָניסטישע ריכטונגען. האָט דער שפּעטערדיקער יידישיזם בשום אופן ניט געקענט אָפּשטאַמען פון אָט דעם חסידישן, פאָלקיסטישן "יידישיזם". אָבער אויב דער העברעיזם האָט געקענט דירעקט אויסוואַקסן פון דער השכלה, איז דער יידישיזם ניט קיין דירעקטער יורש פון די משכילים. דאָ האָבן נאָך געמוזט צוקומען א פּאָר פאַקטאָרן פון דער זייט, ווייל די השכלה האָט פיינט געהאַט יידיש. ווייל עס איז יידיש, יידישלעך, טאָ ווי איז פון נעגאַציע געקומען צו אַנערקענונג ?

ג. ליטעראַריש־פאָלקסטימלעכער מקור

אויבן האָבן מיר אַרויסגעבראַכט, אַז גלויבן פאַרמאָגט תורות, ספרים; רעליגיע — א ליטעראַטור, קונסט, פאָרמע. די השכלה האָט עס אָנגעהויבן ביי אונדז איינצופירן א ליטעראַטור, קונסטן און וויסשאַפטן, האָבן די משכּילישע קינסטלער און שרייבער אין זייער נאָכמאַכונג, גאָרניט געטראַכט וועגן דעם פאָלקס שפּראַך, סיידן ערגעץ פאַר א "שיחות חולין", אָדער כּדי אָפּצושפּאָטן און אָפּצוחוזקן. ערשט די דריי אבות פון דער יידישער ליטעראַטור — פאַר זיי איז יידיש געוואָרן דאָס וואָס עס איז געווען פאַר די חסידים — א מכשיר וואָס אָן אים קען מען ניט צוקומען צו דעם פאָלקס נשמה. קיינער פון די דריי, אַפילו פּרץ, איז ניט געווען קיין אַנטי־העברעיסט אין געוויינלעכן זינען. מענדעלע האָט אַליין אויסגעבויט א נייעם פאָלקסטימלעכן, יידישיזירטן העברעיש. שלום־עליכם האָט שטאַרק געהאָלפן זיין בערקאָוויטשן איבערצודיכטן זיך אין אַזאַ פאָלקסטימלעכן העברעיש, וואָס איז מן הסתם די קעמפּערישע העברעיסטן, געווען ניט מער צום האַרצן ווי דער יידישער שלום־עליכם . . . פּרץ האָט לכתּחילה געשריבן זיינע ווערק אין א סינטעזירטן יידיש־העברעישן לשון. פאַר די אבות איז באמת ניט שפּראַך געווען דער עיקר נאָר דאָס פאָלק. יעדערער לויט זיין שיטה, לויט זיינע דרכים, אָבער פאָלק.

דאָך אָבער זיינען זיי געקומען פון דער השכלה. און די ירושה פון דער השכלה האָט זיך ביי זיי אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי אַלע האָבן געזאָרגט, געבויט א ליטעראַטור, א קונסט, ניט קיין לעבן. יידן קענען האָבן א קיום בלויז מיט "תורה" וואָס פורעמט דאָס לעבן, — מיט א גלויבן, — ליטעראַטור, ווי קונסט, האָט ניט קיין כוח אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. אויף תורה וואָס פירט ארויס מצוות, איז געזאָגט "וחי בהם". — ליטעראַטור אָבער פאַרמעסט זיך דאָך גאָר ניט צו בויען א יידיש לעבן.

פרץ איז, קענטיק געווען, יאָ דערגאַנגען צו דעם אַז ניט א ליטעראַטור דאַרף מען שאַפן, נאָר א יידיש לעבן, יידישקייט, — אָבער ער איז צו פרי געשטאָרבן און די אינטואיציע פון גרויסן חסיד אין קונסט האָט ניט באַוויזן גובר צו זיין די אינערציע פון דעם משכיל אין לעבן. און אַזוי איז דאָס געבליבן: אין ליטעראַטור — יידישקייט, היימישקייט, אין לעבן אָבער איז אַט די ליטעראַרישע יידישקייט ניט געוואָרן צו א גלויבן. איז געבליבן אין לעבן די אַלטע באַקאַנטע טענדענץ — דער דראַנג פון יידישקייט ארויס. און וואָס ווייטער אַלץ גרעסער איז געוואָרן די דיסטאַנץ צווישן אַנדזער ליטעראַטור און אונדזער לעבן. און אָפּגעזונדערט איינס פון דער צווייטער קענען זיי ביידע ביי אונדז קיין קיום ניט האָבן. בכל אופן, אַזוי איז אויסגעוואַקסן ביי אונדז א "ליטעראַרישע יידישקייט", וואָס האָט געקענט פּראָקלאַמירט ווערן פאַר א קאָמפּענסיר־עיקר דורך דעם יידישיזם — "ליטעראַטור — במקום יידישקייט".

ד. סאָציאַליסטיש־אויפקלערערישער מקור

אַן אַנדער מקור פון יידישיזם איז דער וואָס האָט באַשאַפן די "זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". דער איז שוין געווען לכתחילה אַז א "לשמה". עס איז געווען בראשית, ערב דעם מאַסן־סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. יידישע סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער אָדער האַלב־אַסימילירטער אינטעליגענץ זיינען געווען צווייערליי. זיי האָבן זיך אונטערשיידט לויטן מזל: א טייל פון זיי האָט אָפּגעגליקט אריינצודרינגען אין דער "אַלגעמיינער" באַוועגונג (לייען רוסישע, פּוילישע א"וו). די זיינען געווען די גליקלעכסטע, זיי האָבן זיך געפילט זייער גוט און ניט געבענקט חלילה נאָך "יידישע מאַסן". דאָ איז גילטיק דער שטענדיקער כלל: — יידן וואָס עס געלינגט זיי זיך אריינצולעבן צווישן ניט־יידן, זיינען צופרידן און שטאָלץ. דער כלל איז גילטיק פון מענדעלסאָנס דור אַז ביי דער יידישער בורזשואזיע, באַנקירן און סאַלאָנדאַמען, ביז צו די פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד און ביז צו דעם פאַרסמאַזשאָר פון דער "סאָווגאָווה" פון די סאָוועטישע יידן אין הייניקן רוסלאַנד ביז דער מלחמה.

גאַנץ זיכער, אַז די צאָל יידישע רעוואָלוציאָנערן וואָלט אין צאַרישן רוסלאַנד געווען א סך קלענער ווען יידן וואָלטן געהאַט מער געלעגנהייטן

ארײנצודרינגען אין ניט־ייִדישן לעבן אָן א ראדיקאלן איבערקער, אָן דער רעוואָלוציע . . .

ווי דאָס זאָל ניט זײַן, דער טייל פון ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן לחלוטין ניט געזאָרגט פאר די ייִדישע מאסן. פארקערט, פלעגן זיי, דווקא זיי, שטאַרק באַקעמפן יעדן פּרווו פון א זעלבסטשטענדיקער ייִדישער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

אנדערש אָבער איז עס געווען מיט די ייִדישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיי איז ניט געלונגען צוליב פארשיידענע סיבות ארײנצודרינגען אין דער "אלגעמיינער" באוועגונג. די זײַנען געבליבן ניט ווילנדיק צו ארבעטן צווישן ייִדן ("אין געטאָ", האָט עס געהייסן). און אָט זײַנען זיי געבליבן שטיין פאַר א דילעמע : די מאסן, וואָס צווישן זיי דארף מען ארבעטן קענען נישט די "קולטור־שפּראַך" (רוסיש), האָט די נויט געצוווּנגען צו גיין אין צוויי ריכטונגען : מען האָט זיך גענומען צו פארשפּרייטן רוסיש צווישן די ייִדישע מאסן, כדי דערמיט צו עפענען פאר זיי די טויערן פון דער סאָציאַליסטישער קולטור. פון דער צווייטער זייט האָט מען גענומען אליין שאפן, פּאָפּולאַריזירן און איבערזעצן קולטור אויף דער שפּראַד פון די מאסן — אויף ייִדיש. אָט אזוי זײַנען אויפגעקומען די "זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". אין תוך אַרײַן האָט זיך אָט די טעטיקייט לגמרי ניט אונטערשיידט פון דער ענלעכער ארבעט, וואָס עס האָבן געפירט די משכילים, ווי למשל, די "געזעלשאפט צו פארשפּרייטן צווישן ייִדן די רוסישע שפּראַד און בילדונג" (די שפּעטערדיקע געזעלשאפט "מפיצי השכלה"). מער ניט וואָס דאָ איז צום וואָרט "בילדונג" צוגעקומען דאָס וואָרט "סאָציאַליסטישע".

אָט דער מקור פון ייִדישיזם האָט שוין ניט געהאַט קיין שום שייכות ניט צו פאָלקס־קולטור, פאָלקסטימלעכקייט. קולטור איז דאָ פארשטאַנען געוואָרן לכתחילה ניט ווי אַן אָרגאַנישער פּראָצעס פון לעבן, נייערט ווי אַן אויפקלערונג געבראַכט פון דרויסן און פארשפּרייט אין פאָלק. האָט פריער געגאָלטן בילדונג, אויפקלערונג, השכלה בכלל, איצט איז עס געוואָרן סאָציאַליסטישע אויפקלערונג. אמת, דאָ האָט ייִדיש געהאַט אָפּט דעם טיטול "די שפּראַד פון די מאסן". אָבער געמיינט האָט עס לגמרי ניט דאָס וואָס מען מיינט מיט דעם וואָרט "פאָלקס שפּראַד". עס האָט באַטײַט פּשוט די שפּראַד, וואָס אויף איר איז טעכניש גרינגער פאַרצוטראָגן פאר די מאסן קולטור, בילדונג און אויפקלערונג, מער ניט.

אָט דאָס זײַנען די צוויי מקורים פון ייִדישיזם. דער ליטעראַריש־פאָלקסטימלעכער און דער סאָציאַליסטיש־אויפקלערערישער. ווי אַזוי־זשע אָבער איז דערגאַנגען צו דעם, וואָס ייִדיש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאר דעם קאָמפּענסיר צענטער, פאַר א עיקר פון ייִדישקייט ? ווי אַזוי האָט געקענט פון אָט די צוויי מקורים קומען צו א ייִדישקייט פון וועלטלעכן

יידישיזם ? די ליטעראַטור־יידישקייט האָט דאָך לגמרי ניט געטראַכט צו שאַפן פונדאַמענטן פון יידישקייט. דער אויפקלער־יידישיזם איז דאָך א ריין טעכנישער מיטל אויף אַזויפיל, אויף וויפל מען קען צו די מאַסן ניט ריידן קיין אנדער שפּראַך. טאָ ווי איז עס געקומען צו דעם פּראָקלאַמירן יידישיזם פאַר דעם עיקר פון יידישקייט ?

ה. דאָס נאָכמאַכן אַ לאָזונג

דאָ איז געקומען ווידער אַמאָל א פאַקטאָר פון דרויסן : פאַר דער ערשטער מלחמה האָט דער רוב מנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק געלעבט אין א קאָמפּאַקטן שטח, בעיקר אין צוויי פיל־פעלקערדיקע לענדער — רוסלאַנד און עסטרייך־אונגארן. דאָ האָט געיוירט מיט נאַציאָנאַלן קאַמף פון פעלקער. און מוטער־שפּראַך איז געווען די הויפּט־פאָדערונג פון אַלע מינדערהייטן. אָט לויט דער אַנאַלאָגיע האָבן אויך די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע יידן ארויסגערוקט דעם פּרינציפּ פון מוטער־שפּראַך, פאָלקס־שפּראַך. ביי דער אינטעליגענץ פון אַנדערע מינדערהייט־פעלקער איז דער לאָזונג מוטער־שפּראַך געווען דער פּאָפּולערסטער, גרינגסטער און פאַר־שטענדלעכסטער אויסדרוק פון דעם פאָלקיזם, פון דער צוציונג צו זייער פאָלקס־גייסט. די יידישע אינטעליגענטן האָבן איבערגענומען דעם מוטער־שפּראַך־פּרינציפּ אליין, אָן זיין פאָלקיסטישן באַזיס; דעם לאָזונג, אָבער ניט די סאָציאַל־פּסיכישע מקורים זיינע. איז שפּראַך פאַר זיך פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דעם נאַציאָנאַלן מהות, פאַר דעם צענטער פון יידישקייט. עס איז געוואָרן דער יידישיזם. איז ביי דער אינטעליגענץ פון אנדערע פעלקער "מוטער־שפּראַך" געווען דער אלף פון א גאַנצער נאַציאָנאַלער אויפבוי־פּראָגראַם. איז אָבער ביי דעם גרעסטן טייל יידישיסטן "יידישיזם" געוואָרן דער אלף און דער תיו, דער אָנהויב און דער סוף פון דער גאַנצער נאַציאָ־נאַלער פּראָגראַם.

אזוי ווי וועלטלעכקייט איז אויך יידישיזם פון לכתחילה אָן ניט געווען קיין גלויבן, נאָר בלויז א רעליגיע, א קאָמפּענסאַציע־אידעע, א לאָזונג א הילכיקער, אביסעלע "שפּראַכן דינסט" (אנשטאַט גאָטעסדינסט) און געניוג. קיין גלויבן, קיין טייל פון א גלויבן ווי עס איז געווען אַמאָל דער חסידישער יידיש־קולט איז דער יידישיזם פון לכתחילה אָן ניט געווען.

ווו זיינען די פאַקטן, וואָס דערלויבן מיר דאָס צו זאָגן ? אָט זיינען זיי :

א) א גלויבן איז תמיד פאַרבונדן מיטן עתיד. א גלויבן פּראָיעצירט אין דער צוקונפט די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון איצט. דער וועלט־לעכער יידישיזם האָט די גאַנצע צייט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו פאַר־טראַכטן זיך וועגן מאָרגן. "נאָך ניטאָ דער מאָרגן", "ליינט ניט קיין פעדער צום נאָז פון דער יידישער קולטור". אפילו פּאַרטייען וואָס האָבן דעם

וועלטלעכן יידישיזם געהאט זוי א טייל פון זייער פּראָגראַם, האָבן אויסגע־מיטן צו פאָרמולירן אים ווי א גלויבן. פּאַרקערט ווערט כסדר אונטערשטראָכן: מיר האַלטן פון יידיש אָבער עס איז ביי אונדז נישט קיין פעטיש, מיר זיינען ניט קיין יידישיסטן. איז ביי גאַנצע גרופּעס וואָס אָנערקענען יידיש, יידישיזם גאָר א זידל־וואָרט.

ב) כשרע יידישיסטישע פּאַרטייען האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט דער־לאָזן צו קיין אָרגאַניזאַציע פאַר יידיש און יידישער קולטור איבער די גרע־נעצן פון באַזונדערע לענדער. דאָס וואָלט געשמעקט מיט דעם „כל־ישראל", דען עס דאַרפן ניט און עס טאָרן ניט זיין קיין געמיינזאַמע יידישע אינטע־רעסן מיט יידן פון אַנדערע לענדער . . . אַיי, עס פאַרבינדן דאָך אונדז יידיש, קולטור אאַ"וו, אָבער דאָס איז בלויז א פאַקט, אָבער ניט קיין אידעאַל, ניט קיין פּראָגראַם צו אַרבעטן, שאַפן. אין דעם שטעקט אויך א גלויבן (אָפט אַן איינגערעדטער), אַז די געמיינזאַמקייט און איינהייטלעכקייט פון די אינ־טערעסן ביי דעם זעלביקן פּראָלעטאַרישן קלאַס אין איין לאַנד איז גרעסער און שטאַרקער פון די אינטערעסן־געמיינזאַמקייט צווישן די קלאַסן פון זעלביקן פאָלק. די פריינדשאַפט צווישן יידישן און רוסישן אָדער פּוילישן פּראָלעטאַריאַט איז גרעסער און וויכטיקער איידער די פריינדשאַפט צווישן יידן פון פאַרשיידענע קלאַסן. נאָך מער: דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם האָט גערופן די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער זיך צו פאַראייניקן. די אויסגעהאַל־טענע יידישע פּראָלעטאַרישע פירער האָבן געלייקנט די געמיינזאַמע אינטע־רעסן פון יידישע פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע לענדער. הינטער אַלע טע־אָריעס ליגט אין דעם א טיפער קאָלעקטיוו־פּסיכאָלאָגישער קאָמפּלעקס: די צוציונג צום הערשנדיקן פאָלק (צום הערשנדיקן פּראָלעטאַריאַט), צום ניט־יידישן און די אָפּשטויסונג פון יידישן. „ווי עס בורזשואַזעוועט זיך, אַזוי פּראָלעטאַריעוועט זיך" ביי יידן. קלאָר אַז ביי דעם קאָמפּלעקס איז יידישיזם בלויז א לאָזונג, מער קען ער ניט זיין.

ג) גלויבן איז דרייסט, מוטיק, גלויבן האָט דעם „בכל נפשך". איז דער אמת־פרומער ייד שטאָלץ מיט זיין גלויבן, מיט דעם „שלא עשני"; זיינען גלויביקע ציוניסטן שטאָלץ מיט זייער גלויבן אין „לאַנד", זיינען אַסימילאַטאָרן פון אַלע צייטן און לענדער שטאָלץ מיט זייער אויסגעיידישטקייט, מיט דער באַפרייאונג פון יאָך פון יידישקייט. צי איז עס דער רעפאָרמירטער ייד אין דייטשלאַנד, צי דער יאהודי אין אַמעריקע, צי גאָר דער סאָוועטי־זירטער ייד אין רוסלאַנד, אָדער דער גאווהדיקער „עברי" („העברעער" ניט ייד־יהודי) אין ארץ־ישראל — אַלע אָט די צווישן זיך דיאַמעטראַל ווייטע יידן, אַלע זיי שעפּן זייער מוט און זייער שטאָלץ אין דער אַנטרינונג פון יידישן פאָלק, פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. יעדער וועט עס פאָרמולירן אַנדערש, אָבער אין אַלעמען אַנטפּלעקט זיך דער דראַנג פון יידישקייט אַרויס. ווי אָבער און מיט וואָס קען זיין שטאָלץ דער יידישיסטישער ייד, אַז יידיש איז דער סאַמע סימן פון גלות, סימן געטאָ, שניפּישאַק, קליינשטעטל? האָט

טאקע די דעקלאראציע פון יידישיזם קיינמאל ניט אנגערירט קיין טיפערע סטרונעס. איז פאר א טייל העברעיסטן, העברעיש געווען א טייל פון זייער נאציאנאלן גלויבן, — האבן זיי פאר זיך געבויט אזוינע לעבנס־פארמען, ווו העברעיש זאל הערשן אליין; האט העברעיש גרויסע מעצענאטן. ניטא קיין גרעסערע מעצענאטן צווישן יידישיסטן וואס זייער גאב זאל ארויסגיין פון גדר נדבות; ניטא קיין יידישיסטישער יידישער קולטור־פלאן, ווייל יידישיזם איז ניט קיין אידעאל, ניט קיין גלויבן, עס איז בלויז א פאקט וואס מען רעכנט זיך מיט אים כל זמן ער איז דא. ניט מער.

איז די גאנצע צייט פאר די יידישיסטן געווען א קוואדראטור פון א קרייז : אי מען האלט אפיציעל פון יידיש, אי מען וויל דאך אנטלויפן פון יידישקייט און במילא אויך פון יידיש, ווי פון אן ארגאנישן טייל פון פאלקס־יידישקייט. קען העברעיש זיין צונויפגעפארט מיטן געפיל "באפרייט זיך פון דער אומגעליבטער יידישקייט" (געטא, גלות, בלע"ז), קען עס אבער ניט דער יידישיזם. איז ער בכלל זייער א שווערמוטיקע מצווה. זוכט מען אפט געלעגנהייטן ווי צו ווערן פטור פון מצוות־יידיש, בלייבנדיק ביים שילד "יידישיזם", ווייל עס קאסט ביליק און איז צו ווייניק מחייב.

ד) פון אט דעם פסיכישן דואליזם איז געקומען צו א ווידעראנאנד אין לעבן. גרויסע טיילן פון דער יידישיסטישער אינטעליגענץ פירן א טאפעלע בוכהאלטעריע : מען איז יידישיסטיש געזעלשאפטלעך, (א שילד איז תמיד אין דרויסן) און גאנץ כשרע אסימילאטארן אין די היימען. קולטור־טוער, שול־טוער, פאראנטווארטלעכע פארטיי־טוער אין פוילן, אין רוסלאנד, אין אמעריקע — אלץ איינס, — מען פריידיקט יידישע קולטור, יידיש — אויף פארזאמלונגען. אבער אין די היימען, מיט די קינדער רעדט מען רוסיש, רעדט מען פויליש און א פשיטא שוין אז ענגליש . . . דא איז שולדיק די ווייב, דא — די דינסט, דא די גאס . . . קיינמאל אבער איז ניטא דער מוט צו באקעמפן אט די שטערענישן, אויב אפילו זיי וואלטן געווען אמת. ווארום אז עס פעלט גלויבן, טא פון וואנען זאל זיין מוטיקע פארעקשנטקייט ? און פאר דער יידישיסטישער "רעליגיע" איז גאנץ גענוג א "שפראכן־דינסט" אין קלוב (במקום גאטעס־דינסט אין קלויסטער).

ה) אין וועלטלעכן יידישיזם זיינען פאראן ווי אין א יעדער אנדער רעליגיע "עשהס" און "לאוון" — עבירות און מצוות, "מען מוז" און "מען טאר ניט". קען מען פארגלייכן דעם אימפעט, דעם אינעווייניקסטן עמאציאנעלן דראנג, די אינטימע צופרידנקייט ביים מקיים זיין די לאוון — ביי באקעמפן די יידישע שטריכן און זיטן, וואס זיינען טריף מטעם וועלטלעכקייט מיט דער אימפעטלאזיקייט, מיט דעם קרעכץ פון פאטאליסטישער פארפאלנקייט, "סיי ווי סיי וועט גארניט העלפן", — וואס יידישיסטן ווייזן ארויס ביי מקיים זיין די פאזיטיווע געבאטן, די מצוות־עשה פון יידישיזם. "כ'מיין . . . מיר טוען, ס'איז דאך אונדזערס. אבער אך און ווי, זאגט אליין,

וואס קומט ארויס". . . אא"וו. און די זעלביקע "אנטווישטע" אנמוטיקע וועלן אויף פארזאמלונגען עפנטלעך לגמרי ניט פארלירן דעם פאטאס־טאן. דאס איז דאס "אפדאווענען" ווי אין רעליגיעס בכלל — וואס צו גאט איז צו גאט און וואס — צום לעבן — איז דאך ניט שייך.

און שוואך איז דער יידישיזם דערפאר, ווייל ער איז ניט קיין גלויבן, קען ער ניט באקעמפן אין די מענטשן גופא דעם אנטיפאד־דראנג פון יידיש־קייט וואס איז ביי די וועלטלעכע יידן חלילה ניט שוואכער. והא ראיה — ביי די זעלביקע יידן זיינען פאראן אויך אנדערע "מצוות", וואס זיינען איבערגענומענע ביי יידישע־וועלטלעכע יידן, ווי למשל, ניט־יידישע נעמען פאר קינדער, פיאנא און טענץ, געבורטסטאג־פארטיעס און ניט־יידישע "בירגערלעכע" יום־טובים וכדומה. דא זיינען די שוואכע, אנמוטיקע מענטשן גארניט שוואך, גארניט אנטמוטיקט. פארקערט . . . דאס אלץ ווערט געטאן אינטים, מען דארף ניט אנקומען לגמרי צו געזעשאפטלעכער סוגעסטיע, צו אגיטאציע און פראפאגאנדע. אלץ שטאמט פון דעם דראנג צו ניט־יידישקייט. — דער אייביקער און שטענדיקער שפיל פון די צוויי דראנגען אין דער יידישער פסיכיק: דער דראנג פון יידן און דער דראנג צו ניט־יידן.

איז יידיש אריינגעפאלן פאר א ניט געגארטער שנור: ניט מען האט זי ליב, ניט מען האט מוט זי צו גטן . . . האט מען גענוצט דעם "מוטער־שפראך לאזונג". אבער זייער ווייניק האט מען געזארגט אים מקיים צו זיין, איבערהויפט אין די לענדער וו מען לעבט צווישן דעם פאליטיש הערשנדיקן פאלק ניט צווישן א סובארדינירטער מינדערהייט, און צווישן די ערשטע צו פארלאזן די יידישע מוטער־שפראך זיינען אין אלע לענדער די וואס רעכענען זיך פאר אנהענגער פון יידיש . . .

ו) וואלט וועלטלעכער יידישיזם געווען פארבונדן מיט א יידישן גלויבן, מיט א גלויבן, הייסט עס, אין יידישקייט, — וואלט ניט געווען אזא נעגאטיווע באציונג צו "כל ישראל" און "אתה בחרתנו". די צוויי באגריפן זיינען געבליבן טריף־חזיר ביי "נאציאנאלע" וועלטעלעכע יידישיסטישע יידן ניט ווייניקער ווי ביי די משכילים. און דאס ווייזט אויף באשטימטע קלארע און טיפע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, צומאל אפשר אומבאוווסטזיניקע; איז פאראן א פאזיטיווע נייגונג צו כל ישראל, באטייט עס, אז די ציציאונג, דער דראנג צו יידן איז שטארקער. איז פאראן א נעגאטיווע באציונג צו "כל ישראל", איז עס א סימן, אז די אפשטויס קראפט פון יידן איז שטארקער. אלע לאגישע אויפקלערונגען זיינען דא ניט וויכטיק. זיי זיינען סעקונדערע, זיי דארפן לכתחילה בלויז פארענטפערן, בלויז בארעכטיקן וואס עס איז פרימיער, בראשיתדיקער אין די געפילן. "אתה בחרתנו" מיינט אין אמתן א פשוטע אכטונג צום אייגענעם קאלעקטיוון "איד". די נעגאציע, דאס זידלען זיך מיט "אתה בחרתנו" וואס ווערט אפט באגלייט מיט א

נערוועזער אויפרעגונג אפילו, באוויזט טאקע, אז ביי די יידן איז פאראן צום אייגענעם פאלק אן אומאכטונג, אויב אפילו מען דעקלארירט זיך פאר נאציאנאלע יידן.

ז) וואלט וועלטלעכקייט געהאט א פאזיטיוו־יידישע אידעע וואלט זי געקענט אויסנוצן און פארוועלטלעכן אל־דאס יידישעס וואס עס איז אויך רעליגיעז.

ח) אט דער שפיל פון געפילן: מאזשאר־געפיל צו ניט־יידישקייט און מינאר־געפיל צו יידישקייט שטעקט ארוים ווי א על פון זאק אפט אין פארשיידענע ארויסזאגונגען און מעלדונגען. אייניקע זיינען זייער כאראקטעריסטיש: עס איז געווען אין פרילינג פון דער אקטאבער־רעוואלוציע אין רוסלאנד. האט איינער פון די בכבודיקע געוועזענע פירער פון "בונד" און קולטור־טוער ביי יידן הויך און דרייסט דעקלארירט "מיט א בעזים דארף מען אויסקערן די שלום־עליכמס מיט די פרצעס"... (משה ראפעס). א צווייטער גדול האט דעמאלסט געענטפערט א דעלעגאציע פון יידישע שולן: "איך שפיי אויף אייערע יידישע שולן!" (זינאוויעוו). הונדערטער און הונדערטער יידיש־וועלטלעכע טוער זיינען אוועק צו "אלגעמיינער" ארבעט און איבערגעריסן אלע באציונגען מיט יידן און יידישער קולטור, פטור געווארן. שפעטער ווען עס איז אוועק א ליניע פון נאציאנאלע קולטורן אין רוסלאנד, האט מען ביי יידן אפיציעל נאכגעטאנצט, נאכגעזונגען און פאקטיש איז אין משך פון עטלעכע יאר די גאנצע יידיש־וועלטלעכע קולטור־אקטיוויקייט אויסגעגאנגען, פארשמאכט געווארן און אוים. אויך די גרויסע שמד־מגפה אין דייטשלאנד אין אנהויב פון ניינצנטן יארהונדערט איז באגלייט געווען מיט פייערלעכע שבועות אין ליבע און טרייקייט צו יידישער קולטור, מיט אויפבוי פון יידישער וויסנשאפט און היסטאריאגראפיע, מיט יידישע קלובן און יוגנט־פארבאנדן.

ווי א צונויפגעפרעסטער דאמף גיט זיך א שפאר ארוים פון קעסל ווי נאר עס עפנט זיך באטש א קליין קראנדל, אזוי אויך גיבן זיך יידן א לאז ארוים פון יידישקייט ביי דער קלענסטער מעגלעכקייט.

און אין דעם זינען איז אין רוסלאנד ניט אנדערש און יידיש־וועלטלעכע יידן אין רוסלאנד זיינען לגמרי ניט אנדערש פון די זעלביקע יידן אין פוילן, אין אמעריקע און וווּ עס זאל ניט זיין. אומעטום באמיען זיך יידן זיך אויך אנדערש איינצורעדן אז זיי זיינען ניט פון די געוויינלעכע יידן. זיי זיינען אנדערע, פון א באזונדערן מין. אין תוך אריין — אלע ווילן זיין וויט פון די "געוויינלעכע" יידן, פון יידישקייט. אלע יידן ציט עס פון יידישקייט.

ט) און דער גאנצער ביטער מזל האט זיך אויסגעגאסן אויף די צוויי

הויפּט־געביטן פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־טעטיקייט — שול און ליטעראַטור. אין שול וועגן דריקט זיך עס אויס אין אַלגעמיין געטומען אין די עטלעכע שטריכן :

1) צעשפּליטערטקייט. אז די אַלגעמיינע אידעע פון יידישקייט איז ניטאָ, ווערט די שול משועבד, סובאָרדינירט צו אַלערליי קליינל־אינטערעסן.

2) די מינימאַלע פאַרלאַנגען ״כאָטש עפּעס אויסלערנען״, דאָס אויספּעלן פון גרעסערע אַמביציעס.

3) א סך וויכטיקע טוער פון די שולן גופא האַלטן זייערע קינדער אויסער דער יידישער שול, אָדער שיקן זיי ״אַביסעלע״ יוצא צו זיין. און אז זיי שיקן שוין יאָ, פאַרמאַטערן זיי די שולן, די לערער : עס דוכט זיך זיי אז מען לייגט אַלץ וויניק אַכטונג אויף זייער גרויסן קרבן. דאָס איז א באַקאַנ־טער פאַקט ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין פּוילן און אין רוסלאַנד.

3) די פּראָגראַם פון די שולן איז אָפט אויסגעליידיקט פון יעדער יידישן קולטור אינהאַלט, אפילו די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַ־טור זיינען אָפט געווען אונטער אַן אָפענעם אָדער שטילן חרם.

5) עס איז געווען א טענדענץ צו דערפירן דעם לימוד פון יידישער געשיכטע צו ״1000 יאָר פּוילן״. דער לאַנד־פּרינציפּ האָט דאָ געדאַרפט איבערוועגן דעם פאָלק־פּרינציפּ, וואָס איז לכתחילה ניט ליב געווען.

6) אומעטום און אַלעמאָל ווו דעם אמתן אינטימען מאָטיוו איז ניט באַקוועם אַרויסצוטראָגן אָפן, ווערן אַרויסגעשיקט אַנדערע, כשרע מאָטיווירונגען : מיט דעם פּסיידאָ־אינפאַנטיליזם (כלומרשטע קינדערישע אינ־טערעסן) האָט מען ביי לייטן פאַרשטאָפּט מיט שונד די מוחות פון דורות, ניט מען אנשטאָט אַנטוויקלונג טעכניש־אוטיליטאַריסטישע טרוקנקייט. ביי יידן האָט מען אין נאָמען פון זעלביקן כלומרשטן אינפאַנטיליזם (עס איז גרינגער פאַר די קינדער!) אויסגעליידיקט די שול פון יידישן קולטור־אינ־האַלט.

7) די אָפטע פאַרזיכערונגען, אז ״מיר זיינען ניט קיין יידישיסטן, מיר נוצן נאָר אויס יידיש ווי א מכשיר״, האָט אָפט געפירט צו א קאָנפליקט צווישן שול־טוער און עלטערן : דווקא די ״אומבאַוווסטזיניקע״ עלטערן שיקן אָפט זייערע קינדער צוליב יידישקייט, זיי ווילן איינפלאַנצן אין זייערע קינדער יידישקייט און טרויען עס אין דער שול. די טוער אָבער קוקן אָפט אויף די זעלביקע שולן ווי אויף א פּאַרטיי ענין, א קרייז־ענין, א געזעלשאַפט־לעכע אַמביציע, אז אויסלעבן זיך אין עפּעס אז אַרבעט און אַמאָל אויך ווי

א שפיל אזא, וואס איז פאראן אין יעדער רעליגיע. אט דער קאנפליקט צווישן די שטומע ווונטשן פון די פשוטע עלטערן און די אמביציעס פון די שולן גופא האט פארמינערט דעם צוטרוי צו די שולן און זייער אנזען. אט דער ווידעראנאנד צווישן די דערוואַרטונגען פון דער יידישער שול ביי די פשוטע מאסע יידן און צווישן די אספיראציעס פון יידיש־וועלטלעכער אינטעליגענץ, וואס האט אפט מיט די שולן געוואלט "יוצא זיין", — דער ווידעראנאנד איז אויך ניט קיין נייס. נאך מיט צענדליקער יארן צוריק האט פ. מארעק (צוויי דערציונגען, מאסקווע 1909, רוסיש) אנגעוויזן, אז פונקט אזא ווידער־אנאנד איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דער השכלה.

8) ביי דעם היפערטראפירטן צוטרוי צו געשיכטע, האט די יידישע שול געהאט אין איר פראגראם זייער ווייניק פון געשיכטלעכן יידישן קולטור־שטאף. פארמעל — מחמת רעליגיעזקייט; פאקטיש אבער צוליב די זעלביקע אנטיפאטיעס וואס די השכלה. דער געשיכטע־לימוד האט אבער אויך א מעלה. ער גיט א מעגלעכקייט צו "היסטאריזירן" יידישקייט, — "אזוי פלעגן יידן טאן, אזוי פלעגן יידן האנדלען, אמאל האבן יידן געהאט אזא שטייגער" : בעת, פארשטייט זיך, אויסהאדעוועון אקטיווע יידן פארן היינט קען מען ניט אן אקטועלער יידישקייט, בלויז אויף היסטארישער יידישקייט. און אין דעם האבן מיר א פולע אנאלאגיע מיט דער השכלה.

9) דאס אויספעלן פון אריגינעלן פעדאגאגישן דענקען און דאס אויספעלן פון דרך־ארץ צום אריגינעלן יידישן פעדאגאגישן געדאנק. אט, למשל, ליגט פאר מיר א מעטאדיק פון יידיש, געשריבן פון א בכבודיקן פאדדינטן פעדאגאג און שול־טוער. איז אין גאנצן בוד נאך א דרייסיק יאר יידישע שולן און ארבעט אין יידישע שולן ניטא גארניט וואס זאל האבן ארויסגעוואקסן פון דער יידישער שול. אלץ איז באזירט אויף געדאנקען און ארויסזאגונגען פון ניט־יידישע לערער, וואס זייערע שולן האבן אנדערע צילן און לעבן אין גאר אנדערע באדינגונגען. און כאראקטעריסטיש — די אויטאריטעטן שטאמען פון פארשיידענע פעדאגאגישע סיסטעמעס. א טייל פון זיי זיינען שוין לאנג פארעלטערט און פארגעסן. דאס געמיינזאמע זייערס — וואס אלע האבן זיי געשאפן אין באדינגונגען און פאר צילן וואס האבן קיין שייכות ניט צו דער יידישער שול, וואס זיי זיינען ניט־יידן.

אט דא, אין אט דער דיסהארמאניע צווישן די אינטימע דראנגען און די עפנטלעכע לאזונגען ליגט די סיבה פארוואס די שול איז אלע לענדער לאזט ארוים אזוי ווייניק מענטשן מיט א גלויבן און באציונג צו דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. און אין דערציונג איז — דער וויכטיקסטער אקטיווער פאקטאר ניט דאס אפענע דעקלאראטיווע ארייַנלערנען, נייערט דער אינטימער גלויבן פון דעם דערציער. זוכט די יוגנט א גלויבן און געפינט אים על פי רוב אנדערשוו, ווייט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול.

ניט פרײלעכער איז עס מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. אײַגנטלעך זײַנען בײַ אונדז פֿאַראַן שרײַבער, ליטעראַטן, ביבליאָטעקן, ביכער, אָבער קײן ליטעראַטור האָבן מיר ניט. יעדער שרײַבער איז אַ װעלט פֿאַר זיך. אָבער װאָס פֿאַרבינדט אַט די שרײַבער און זײער שרײַבן אין אײן געמײנזאַם גאַנצעס — אָסור אויב איך װײס עס. איך בין זיך מודה: אַפֿט, על פּי רוב, פֿיל איך ניט קײן טעם פֿון אַ ייִדישן גײַסט אין די ביכער און די דיכטונגען. גײען אַרום מענטשן, שרײַבן זײ אַלע מיט װערטער פֿון אײן שפּראַך, אָבער װײַט ניט מיט אײן שפּראַך זײַנען זײ איטלעכער פֿאַר זיך, איטלעכער מיט זיך, באַזונדערע. און די שכינה פֿון פֿאָלק, װאָס אָן איר קען קײן ליטעראַטור ניט זײַן, — זי זע איך ניט, באַמערק איך ניט אין די שורות און ניט צװישן די שורות. לײענט מען װײניק. איך לײען אויך װײניק: ממה־נפשך — זוך איך אין איר די געפֿילן, איבערלעבונגען, געדאַנקען און ספֿקות, װאָס פֿאַרבינדן מיך מיט אַט דעם כּלל, װאָס רופֿט זיך ייִדיש פֿאָלק — געפֿין איך זײ זײער זעלטן, צו זעלטן; זוך איך דאָרטן דעם אויסדרוק פֿון די כּחות און שװאַכקײטן װאָס פּולסירן אין אַט דעם כּלל, — און עס געפֿינט זיך ניט. װײַל איך אין דער ליטעראַטור זיך דערשפּירן װי אין דער הײם, אין דער גײַסטיקער הײם פֿון אונדז אַלעמען, פֿון די װאָס בענקען און גאַרן נאָך אַ ייִדישער הײם, — און דאָס אויך ניט. סתּם לײענען, װײַל עס איז אַ מיצווה צו לײענען אויף ייִדיש, — גלױב איך ניט אין אַזאַ ליטעראַטור װען זי איז אַפֿילו אויף ייִדיש, האַלט איך ניט פֿון אַזױנע מיצוות. בײַ די אָבֿות פֿון דער ליטעראַטור און אין זײער ליטעראַטור־סבֿיבֿה האָט גערוט די שכינה פֿון פֿאָלק. איצט איז פֿון דער ליטעראַטור די שכינה נסתּלק געװאָרן, ניטאָ. און דערפֿאַר װײַל —

ניט אין שול, ניט אין דער ליטעראַטור װי אין דער גאַנצער ייִדישער קולטור בכלל איז ניט פֿאַראַן אַ ייִדישער גלױבן, אַ גלױבן אַז מיט דעם און אין דעם קען און דאַרף דאָס פֿאָלק לעבן און האָבן אַ קיום װײַטער, אַ גלױבן, אַז מען דאַרף אַזױ בױען דאָס לעבן, אַז ייִדישע קולטור זאָל זײַן אָרגאַניש אײנס מיטן גאַנצן לעבן, ניט קײן הוספֿה צו עפּעס אַנדערש. ניטאָ אין װעלטלעכער ייִדישקײט קײן גלױבן, קײן פֿאַרלאַנג פֿון "וחי בהם". די ייִדיש־װעלטלעכע ייִדישקײט איז ניט קײן גלױבן אין ייִדישקײט און אויך די נשמות פֿון די ייִדיש־װעלטלעכע ייִדן בלאָנקען אַרום צװישן די דראַנגען פֿון ייִדיש־קײט, צו ניט־ייִדישקײט און צװישן דער אומגלעכקײט זיך אַפּצורײַסן פֿון שטאַם. און פֿון אַט דעם גײַסטיקן כּף־הקלע אַנטלױפֿט מען צו קאָמפּענסיר־טעאָריעס, צו סינטעזן — אַהער און אויך אַהער און אין תּוך ניט אַהער און ניט אַהין. און איך האַרץ איז אַלעמען אומעטיק — ניטאָ קײן גלױבן אין דער ייִדישקײט פֿון װעלטלעכן ייִדישיזם; ס'איז אַ טעאָריע, אפֿשר אַ רעליגיע, בשום אופֿן ניט קײן גלױבן.

יא. א גלויבן פאר יידן וואס איז ניט קיין גלויבן אין יידישקייט

זיינען אפשר פאראן אנדערע יידישע גלויבנס? — ציוניזם!

א פולער אנאליז פון סאציאל־פסיכאלאגישן אינהאלט פון אט דער גראנדיעזער באוועגונג דורך דורות פאדערט א באזונדערע ספעציעלע ארבעט. דא מוזן מיר זיך באנוגענען מיט א פעסטשטעלונג, אז ציוניזם איז א גלויבן בלויז פאר א טייל, ניט פאר דעם גרעסערן. און אויך דער גלויבן איז א גלויבן פאר יידן, אבער ניט קיין גלויבן אין יידישקייט. פאר די איבעריקע איז ציוניזם א רעליגיע אזא מיט א "דאלאר־דינסט" און אט דער דאלאר־ציוניזם טראגט אין זיך זייער פיל סכנות; וויפל עבודה־זרות ווערן געדינט כדי צו באקומען דעם דאלאר? פארבינדט זיך דאך דער ציוניזם מיט א פערמאנענטן קולט פון אלערליי עבודה־זרות, א שלל מיט מנהגים, וואס די הייליקייט פון דעם דאלארס ציל דארף מכפר זיין אויף דער טומאה פון די עבודה־זרות. איז — דעם דאלארס הייליקן ציל פארגעסט מען — דאס איז דאך ווייט, "עין לא ראתה", דאס איז דאך דעקלאמאציע און אגיטאציע. די עבודה־זרות אבער — זיי דינט מען דאך אליין, דא, מיט מעשים. פון זיי האט מען דאך הנאה, מען באפרידיקט מיט די עבודה־זרות דעם דראנג פון יידן, דעם דראנג צו ניט־יידן. און דער דאלאר איז די אינדולגענציע; מיר מעגן זינדיקן, מיר באצאלן דערפאר א דאלאר פאר א הייליקן ציל . . .

און וואס ווענט אריבער, וואס איז שטארקער? — צי דער היזק און זינד פון די עבודה־זרות, וואס ציען אין שאול תחתיה אריין, אדער די נוצן און מצווה פון דעם דאלאר, וואס ציט אין גן־עדן אריין?

פאר א סך, א סך איז דער ציוניזם א בפירושער הכשר אויף כלערליי אסימילאציע גוישקייטן. און דער לאגישער וועג איז דא א פשוטער און א קלארער:

1) מיר זיינען ציוניסטן, מיר גלויבן, הייסט דאס, אז יידישקייט קען האבן א קיום בלויז אין אן אייגענעם לאנד, אין ארץ־ישראל (הנחה נומער איינס).

2) מיר גלויבן ווייטער, אז אומעטום אויסער ארץ־ישראל מוז יידישקייט אונטערגיין, אפשטארבן (הנחה נומער איינס, צווייטער טייל).

3) מיר זיצן דאך אין חוץ־לארץ. די אנשטרענגונגען איינצוהאלטן יידישקייט דא פאר אונדז זיינען דאך פון לכתחילה שוין פארמשפט, אז א האפענונג (הנחה נומער צוויי).

און פון די צוויי הנחות שטאמט ארויס א קלארער אויספיר:

4) מיר זיינען פטור פון יידישקייט, פון אנשטרענגונגען צו זיין יידן, צו זיין אויסגעהאלטענע יידן, קוים גיבן מיר א דאלאר. אזוי ארום איז דא דער ציוניזם אין א גרויסער מאס געווים מער ניט ווי א יידישע רעליגיע פון מענטשן וואס שטרעבן צו גוישקייט און גלויבן אין איר, און זיי פאר־שטעלן זיך, פארדעקן די שאנדע מיט דעם ציוניסטישן דאלאר פארטעכל. לעולם איז פאראן דער דראנג צו אנטלויפן פון יידישקייט; דאס געווויסן האלט אפ; קומט דער ציונים און באפרייט דעם דראנג פון געוויסן: עס איז גאר א מצוה צו אנטלויפן פון יידישקייט — עס איז גלות. מען דארף בלויז מאכן א ברכה אויף "זייאן" און שיקן צום "האלוטס" (חלוץ) א דאלאר "פדיון פון יידישקייט". ציוניזם ווי א יידישער גלויבן קען זיין בלויז ביי יידן, איז אבער דער ייד קיין ייד ניט, טא מיט וואס איז זיין ציוניזם מער ווערט אדער די סימ־פאטיעס פון א ניט־יידישן סימפאטיקער? אן יידן, אן א יידישן גלויב דארף מען דאך ניט קיין ציונים. עס איז דאך ניט קיין "פלאן" צו באזארגן עפעס "היטלער יידן" מיט ברויט.

איז דאך עס א חילול הקודש ווען מען נעמט דעם ציוניזם כדי מיט אים אויסצופילן פארוויילונגען, קאבארע־אוונטן, כדי מיט אים צו כשרן קארטן שפילן און אנדערע זינד. די לוסט צו זינד, צו אלערליי פארגעניגנס איז גרויס, זוכט דער געוויסן א היתר. קומט דער ציוניזם און זאגט — ניט א דאלאר פאר דער הייליקייט און איר וועט שוין מעגן . . . זיינען אמאל, אין פרימיטיווע צייטן געווען אויך מיטלען, צו פארהייליקן אפילו פראסטי־טוציע. אבי מען מאכט עס לשם הייליקע צילן, פאר דער רעליגיע.

געפין איך א יידישן גלויבן בלויז ביי קליינע, קליינע גרופעס יידן, וואס ווילן און קענען איינהאלטן און אפהיטן זייער אפגעזונדערטע אנדערש־קייט. זיי קענען וויל זיי גלויבן.

און אויסער זיי? מיר אלע, דער רוב מנין ורוב בנין? — מיר זיינען אן א גלויבן, מיליאנען יידן, מאסן, אינטעליגענץ — אן א יידישן גלויבן. אונדזערע אידעאלן זיינען קאמפענסאציע־לאזונגען; מיר ריידן — און ניט פון אייגענעם הארצן, מיר רופן — און מיר גלויבן ניט אליין אין דעם. עס ציט אנדרן פון זיך אליין און מיר גייען. נאר מיר ווילן פארשרייען זיך אליין, אונדזער אוועקגיין פון זיך מיט רייד, מיט רייד, מיט מעשים וואס זיינען בלויז ריידערייען.

יב. אונדזערע מחלוקות

און אויך אונדזערע קאמפן און מחלוקותן זיינען ניט קיין קאמפן פון גלויבנס, נאר קאמפן פון קאמפענסאציע־לאזונגען. מער ניט. איז דער גרויסער שפראכן־קאמף ביי אונדז, דער ווייט ניט אויסגעלעבטער "דרייסיק

יאריקער קריג" ניט קיין "מלחמת ד' צבאות", ניט קיין קאמף פאר א גלויבן. ניין און ניין. ביידע קעגנערישע לאזונגען זיינען רעליגיע־מעסיקע, קאמפענסיר־אידעעס און ביידע שטאמען פון איין דראנג — פון אייגנס, פון זיך. און מער ניט. מען קריגט זיך בלויז וועגן דעם אויף וואסערע וועגן עס איז מער מצווה צו אנטלויפן פון יידישקייט. דער אבער, וועמען עס זיינען טייער די קולטור אוצרות אין העברעיש, ווייל זיי זיינען אונדזערע, יידישע, — דער קען ניט זיין קיין שונא פון יידישע קולטור־אוצרות אין יידיש! און פונקט דאס זעלביקע פארקערט : עס קען ניט פיינט האבן דאס העברעישעם דער, וואס ס'איז אים טייער דאס יידישעם ווייל ס'איז יידישעם.

איין גורל : אז דער שפראך שבעל פה (יידיש) האט ניט קיין יידישן טעם און קיום אויך די שפראך שבכתב (העברעיש). און פארקערט — אז די העברעישע קולטור ווארצלען האבן קיין לעבן ניט די יידישע צווייגן.

און פונקט אזוי איז א צוגעטראכטער, ניט קיין ארגאנישער דער קאמף צווישן ציוניזם און גלותיזם ! איינמאל פאר אלעמאל : אז א לעבעדיקן, גלויביקן פאלק אין גלות (אין דער וועלט!), וועט ארץ־ישראל ניט אויפגעבויט ווערן, אויב יא — וועט זי קיין קיום ניט האבן. און פארקערט, אז דעם גייסטיקן שטרעבן, אז דעם גלויבן אין זיך, אז א פארלאנג צו זיין פאר זיך, וואס דאס איז דער תמצית פון ציוניזם, אז דעם דראנג צו פארזיכיקייט, צו גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט וועט ניט קענען זיין קיין פאלק און ניט קיין לאנד.

און א פשיטא שוין, אז עס איז אינגאנצן א צוגעטראכטער דער קאמף פאר "לינקיזם" און "רעכטיזם", דאס איז א דיסקוסיע אויסצופילן די אונטן, ווען מען דארף עפעס טאן כדי זיך צו פארווילן. האלטן מיר פון דעם, האלט איר פון יענעם און דאס אלץ. קיין גלויבן, קיין אידעע, קיין שטרעבן צו בויען א יידיש לעבן אויף דער וועלט איז דא ניטא, ניטא. אט די דריי הויפט קאמפן : העברעיש — יידיש; ציון — גלות; רעכט — לינק, — זיי זיינען לגמרי ניט דער קאמף פאר דעם יידישן פאלק, דער קאמף פארן קיום פון יידישקייט, פון יידנטום.

יג. איטלעכע באוועגונג האט צוויי ריכטונגען

דער זעלביקער קרבן קען זיין פאר גאט און אויך להבדיל פארן — טיוול. מיט די זעלביקע ציגל קען מען בויען א שול און להבדיל א שאנד הויז. דער זעלביקער ניגון קען דערהויבן ביז עלית נשמה און ער קען אויך אראפשלעפן ביזן שאול תחתיה. דאס האט אונדז געלערנט נאך פרץ. דער זעלביקער אינסטינקט פון ליבע קען דערהויבן דעם מענטשן ביז שיר השירים, ביז הייליקייט און קען אויך אים פארפירן ביז קראנקהייט און אומקום. קען הונגער טרייבן צו שעפערישקייט און פארקערט — צו רציחה און צעשטערערישקייט.

און אזוי מיט אונדזערע באוועגונגען און נאציאנאלע אידעאלאגיעס. דער נאמען און דער אויסגאנג פונקט קען זיין איינער — דער זעלביקער. די ריכטונגען, וווהין די באוועגונגען פירן קענען זיין דיאמעטראל קעגנגע־זעצט: איין ריכטונג פון דער זעלביקער באוועגונג פירט צום לעבן און די צווייטע פארקערט צום אומקום, כאטש אויך די באהאלט זיך אונטער דעם זעלביקן מאנטל.

נעמען מיר רעליגיע. עס איז ריכטיק אז די יידישע אמונה האט אויפגעהאלטן דאס יידיש פאלק א סך מער ווי דאס יידיש פאלק האט אויפ־געהאלטן זיין אמונה. אבער דאס איז געווען דער גלויבן, ניט די רעליגיע. פאראן אויך יידישע רעליגיע וואס איז דורכוים אימיטאציע און אסימילאציע. און אט די רעדט אויך אין נאמען פון יידישן גאט און רעליגיע. און דער קריטעריום? — דער יידישער גלויבן נעמט אריין ארום די גאנצע יידישע טראדיציע: און אלץ וואס אונדזער פאלק האט געשאפן אין זיין לעבן — אלץ איז אונדז הייליק, ס'איז אונדזער גלויבן. יידישע רעליגיע זאגט זיך אפ פון טראדיציע און וויל יוצא זיין לגבי יידישקייט מיט רעליגיע, מיט גאטעסדינסטן.

וועלטלעכקייט — די זעלביקע זאך. די וואס נעמט אן די גאנצע טראדיציע ניט ווייל גאט האט געהייסן, נאר ווייל עס איז אונדזערס און דעריבער ליבער פון אלץ וואס איז פרעמד, די וועלטלעכקייט וואס נעמט איבער די גאנצע שטייגער ירושה, וואס שטאמט פאר איר ניט פון א געט־לעכן מקור, נאר פון פאלקס לעבן, — אט די וועלטלעכקייט איז א נאציאָ־נאלע און א שעפערישע. פארקערט, אבער — די וועלטלעכקייט וואס לייקנט אלץ וואס ס'פאלק האט געשאפן, וואס פסלט אלץ צוליב דער "רעליגיע פון וועלטלעכקייט", ווייל נאר די יידישקייט איז "מוקצה מחמת רעליגיע", — אט די וועלטלעכקייט איז א שעדלעכע און צעשטערערישע. ס'איז אייגנטלעך ניט קיין וועלטלעכקייט, נאר א "לבניזם" (פון לבן הארמי וואס וויל אויס־ווארצלען אלץ), ווי מיין רבי קאנשטאם פלעגט עס אנרופן.

פונקט אזוי זיינען פאראן צוויי העברעיזמען. איינער וויל איינזאפן אל דאס יידישעס אין גייסט און שטייגער, און מזווג זיין קולטורן פון דורות. און דער צווייטער וויל אין נאמען פון העברעיש אפווישן אלץ וואס עס איז יידיש ווייל עס איז יידיש און יידיש איז דאך, כידוע, טריף. איין העברעיזם איז — לחיים, דער צווייטער איז למות — אומקום איז באהאלטן אין זיינע נאציאנאלע רייד!

פונקט אזוי זיינען פאראן צוויי יידישיזמען. איינער איז כלו פאל־קיזם און פאלקסטימלעכקייט, און דער צווייטער איז — א שנאה צו אלץ וואס שטאמט פון אלטער יחוסדיקער יידישקייט.

און אזוי זיינען אויך פאראן צוויי ציוניזמען. איינער זוכט א היים פאר יידן און יידישקייט; דער צווייטער זוכט אן אנטרינונג פון יידן און יידישקייט, ווי פטור צו ווערן פון זיי. ציוניזם איז א גרויסע גאולה באוועגונג, א משיחיזם. אבער צו פיל פאלשע משיחים האבן מיר געהאט, וואס האבן נאר געפירט צו שמד . . .

דאס רוב רפואות זיינען גיפטיק און וואס שטארקער די רפואה, אלץ פארזיכטיקער דארף מען זיין מיט איר, אלץ מער קען זי פארשאדן אויב מען נוצט זי ניט ריכטיק. וואס א באוועגונג איז ווירקזאמער, אלץ מער סכנות טראגט זי אין זיך. משיח און די גאולה! גרויסע אחריות פאדערן זיי. ווען ניט, — קענען זיי פארפירן חלילה אין די גרעסטע סכנות!

פארוואס האבן אלע משיח־באוועגונגען זיך געענדיקט מיט שמד? געשטרעבט צו אן אויסוועג, און פארפירט אויף אומוועגן? — דאס איז געקומען פון דעם וואס זיי אלע האבן געשטעלט זייער "ציוניזם" כנגד כל היידישקייט. אלע משיחים האבן געוואלט אויסלייזן יידן אויך פון יידישקייט, זיי אלע האבן זיך געשטעלט קעגן דער טראדיציע, זיי אלע האבן געפירט פון יידישקייט . . . און ווען אט דער איינציקער ציל זייערער איז ניט דערגרייכט געווארן, איז שוין דער וועג צוריק צו דער טראדיציאנעלער יידישקייט געווען איבערגעשניטן, און די באוועגונג האט זיך געקייקלט ביזן שמד אריין. אלע גאולה באוועגונגען וואס האבן זיך געשטעלט קעגן דעם פאלקס טראדיציע, האבן דאס משיחישע, דאס געטלעכע פארלארן, און געבליבן איז די ריכטונג פון דער סטרא אחרא, די שעדלעכע און פארפירערישע.

ציוניזם איז די שטארקסטע גאולה באוועגונג, ווידער א משיחיזם. און ער טראגט אין זיך די געטלעכע ריכטונג, אבער אויך אלע סכנות, וואס עס ווילט זיך אפילו פון אונטער דער פעדער ניט ארויסברענגען: דאס פאזיטיווע, דאס גוטע ליגט אונטער אזויפיל ספקות, אזויפיל כוואליעס קענען עס חלילה אפשווענקען, — און דאס שלעכטע, דאס נעגאטיווע — דאס איז שוין דא . . .

דארף מען זיין א ציוניסט? — אוודאי! זיכער! גלות איז אייביק אן אומגליק אפילו מיט אלע גליקן, א היים מוז א פאלק האבן, פאר זיך מוז א פאלק זיין! אבער כדי צו וועלן און צו קענען האבן א היים מוז מען פריער זיין א פאלק, און כדי צו זיין א פאלק דארפן יידן טראגן יידישקייט. און עס ווילט זיך כסדר שרייען: "פארזיכטיק, שטעלט ניט אלץ אויפן לאנדיזם!" וואס מער ציוניזם, אלץ מער יידישקייט מוז מען פארמאגן. קלאר — מען קען זיין א גוטער ציוניסט אויך טראגנדיק אין זיך נעגאציע און שינאה צו יידן און יידישקייט. אבער אריבערטראגן אנטוישונג אין ציוניזם און בלייבן א ייד, — דאס וועלן קענען בלויז די וואס זיינען לכתחילה יידן מחוץ זייער ציוניזם. און אנטוישונגען וועלן נאך זיכער זיין ניט איין מאל.

און די הייסע ציוניסטן, וואס דער ציוניזם איז זייער יידישקייט, די וואס נעגירן אלץ אין יידישקייט מחוץ דעם ציוניזם, זיי וועלן די ערשטע אפפאלן פון יידישקייט ביי דער ערשטער גרעסערער אנטוישונג. זיי פאלן אייגנטלעך שוין איצט אפ. און דאס אפפאלן מיט צו אסימילאציע (ווען מען לעבט צווישן אנדערע פעלקער) אדער צו דעגענעראציע און "שומרוניזאציע" (ווען עס איז ניטא מיט וועמען זיך צו אסימילירן).

צוויי ריכטונגען אין איטלעכער באוועגונג — איינע פאר גאט, די צווייטע פארן טייוול; איינע פירט צו דער קדושה, די צווייטע — צו דער סטרא אחרא. איינע — צום לעבן; די צווייטע צום טויט. און ווו צעגייען זיי זיך? — ביי דער טראדיציע (תורה שבעל פה) פון פאלק. מיט איר איז לעבן, — אן איר מוז זיין אומקום. אזוי זיינען די געזעצן פון דער יידישער געשיכטע. אזוי איז געווען און אזוי איז דאס:

די נאציאנאל־גלויביקע יידן ווייכן פון אלץ וואס שטאמט פון פרעמדע רעליגיעס.

די אסימילאטאריש־רעליגיעזע יידן, פארקערט, אימיטירן אלע זיטן פון פרעמדע רעליגיעס.

די נאציאנאל וועלטלעכע יידן מיידן אויס אל דאס פרעמדס, ווייל ס'איז נאכמאכונג, ווייל נאכקרימען און נאכטאן איז דער גורל פון מארא־לישע קנעכט.

די אסימילאטאריש־וועלטלעכע לעבן בלויז מיט דעם וואס זיי מאכן נאך און פארשטעלן זיך פאר יענעם. אלץ וואס יענעמס איז כשר.

די נאציאנאל־ציוניסטישע יידן זיינען מקיים אלע מצוות פון ארץ־ישראל־גלויבן אומעטום ווו זיי זיינען.

די אסימילאטאריש־ציוניסטן פארכלינען זיך אין זומפ פון נאציא־נאלע רייד און זיינען יוצא מיט דער יידישקייט פון יענע יידן ערגעץ אין ארץ־ישראל *).

יד. פאלק אדער ערב רב

זיינען מיר א פאלק אן א גלויבן, אן א געמיינזאמען יידישן גלויבן. זעכצן, זיבעצן מיליאן יידן — הייליק זיינען די ווויסנשאפטלעכע צאלן פון סטאטיסטיק, אבער וויפל זיינען פאראן צווישן אט די מיליאנען יידן וואס

*) אזוי פלעגט א באקאנטער אסימילאטאר פון ווארשע אלע זומער קומען שיילן קארטאפלעס אין עין חרוד און "אפפאסטן" זיך פאר א גאנץ יאר . . . עלעהיי יענע גויע וואס פלעגט איין מאל אין יאר עולה־רגל זיין צו דער טשענסטאכאווער גאטס־מאמען און אויסהייליקן זיך פאר א גאנץ יאר.

גלויבן, וואס ווילן גלויבן אין יידישקייט? און וואס זיינען מיליאנען מענטשן פון איין אפשטאם אבער אן איין גלויבן ? — עס איז ניט קיין פאלק. דאס איז, ווי משה רבינו האט עס נאך אנגערופן, אן "ערב רב", קופעס מענטשן ווי זעמדעלעך צונויפגעשאטן צוזאמען, אבער אן קאלעקטיווער אחריות און אן ספעציפישע פארמעס, וואס זאלן דעם גאנצן קאלעקטיוו צוזאמענהאלטן און אים אפזונדערן פון אנדערע קאלעקטיוון. דאס איז וואס עס ווערט פון א פעלדן ווען ער ווערט צעשאטן אויף זאמד און שטויב, דאס ווערט פון א שטיק זאלץ ווען עס צעלאזט זיך אין וואסער : עס צעפאלט אויף איינצלנע מאלעקולן און זיי, געצווינגן דורך דער פרעמדער מאסע, דרינגען אריין אין די פארן צווישן די פרעמדע מאלעקולן, ווערן ענלעך צו זיי, זעען זיך מער ניט אן. זיי בלייבן אנדערש : וואסער אסימילירט ניט קיין זאלץ, עס בלייבט דיפונדירט . . זייער גורל איז ווען עס איז ווו עס איז אין א טריקעניש ארויסגעשיידט צו ווערן פון וואסער. דאס ווערט פון א וואסער זאמלונג, וואס טריקנט אויס : די צאל וואסער־טיילכעלעך איז געבליבן, נאר צעשטויבטע, יאגן זיי זיך נאך די מאלעקולן פון לופט. קיין לעבן פון וואסער איז שוין דארטן ניטא . . . כאטש דער גורל פון דעם אויסגעדעמפטן וואסער, וואס טראגט זיך צווישן לופט איז — ארויסגעטיילט צו ווערן, ארויסגעווארפן צו ווערן פון צווישן דער לופט . . . אין דעם מאמענט איז קיין וואסער־מאסע ניטא. עס איז דיפונדירט . . . און אזוי איז אויך דער גורל פון א פאלק ווען זיינע יחידים פארלירן די ספעציפישע אייגנשאפטן ,די פאלקס טראדיציעס און די קעגנזייטיקע אחריות. דעמאלט ווערט א פאלק צעשטויבט, עס איז דיפונדירט אין די פארן פון א צווייטן. ניט אסימילירט, נאר דיפונדירט בלויז — און זיין גורל איז ארויסגעשליידערט צו ווערן צוריק. אבער דערווייל איז מער קיין פאלק ניטא. דאס איז אן ערב רב פון א פאלק, א פאסיווע מאסע געיאגט צו ווערן פון אלע ווינטן, עס איז א זאמד און א שטויב פון א פאלק, אבער ניט קיין פאלקס מאסיוו. זאל מען ניט ריידן, זאל מען ניט דעקלאמירן "יידישע מאסן ! יידישע פאלקס מאסן, מאסן!" — ניט מאסן זיינען מאסגעביק, נאר מאסיוון. און מאסיוון ווערן געשאפן נאר א דאנק דער אינעווייניקסטער צוציונגס־קראפט. ניט רוים, ניט קיין געאמעטרישע נאענטקייט נאר אינעווייניקסטע, קעגנזייטיקע צוציונג בלויז. פאלק איז מאסיוו. ערב רב איז מאסע.

וויפל זיינען פאראן יידן אויף דער וועלט — דאס קענען סטאטיסטיקער אויסציילן. וויפל פון אט די יידן זיינען דאס יידיש פאלק ? — דאס איז שוין א פראגע ניט פאר סטאטיסטיקער. בכל אופן זוכט ניט קיין יידיש פאלק אין די מיליאנען יידישן שטויב, יידישן ערב רב. צום יידישן פאלק געהערן בלויז די, וואס זיינען עמאציאנעל, מיט דער נשמה פארבונדן מיטן קאלעקטיוו. ניט א באוואוסטזיין שאפט פון א ייד א מיטגליד פון יידישן פאלק, נאר א עמאציאנעלע און א גורלדיקע איינגעלעבטקייט פון כאראקטער און זיטן, און ווילן, און סימפאטיעס, און גלויבן. אזוינע יידן זיינען פאראן א קליינער טייל. דער גרויסער ערב רב האט ניט, ווי קופעס טרוקענע זאמד,

קיין אייגענע פארמעס ניט אין לעבן און ניט אין גייסט. ערב רב האט ניט קיין גלויבן, וואס בלויז ער איז די שטענדיקע, בלייבנדיקע פארמע פון גייסט. בלויז גלויבן און געמיינזאמער שטייגער זיינען דער צעמענט וואס פארוואנדלט צעשאטענע מאסן אין גאנצע מאסיוון, אין פעסטע מאסיוון. און פאלקסמאסיוון ווערן בלויז דורך געמיינזאמען גלויבן אין לעבן. ניט קיין וויסנשאפטן, ניט קיין קונסטן, — דאס זיינען אלץ פרוכט פון א פאלקס לעבן אבער ניט די ווארצלען פון לעבן. מיר זיינען א יידיש פאלק אז א גלויבן אין יידישן פאלק. רעליגיעס, פארטייען — אז א שיר. וויפל לענדער, — אזויפיל אפגעטער פארמאגן מיר, וויפל גלויבנס אדער רעליגיעס ביי זיי — אזויפיל רעליגיעס ביי אונדז. עס פעלט אונדז א גלויבן, וואס בלויז ער קען פון באזונדערע מענטשן שאפן א גאנץ פאלק. און דא ליגט די הויפט טראגעדיע אונדזערע. ניט די שוידערלעכע באמבארדירונג פון דרויסן שרעקט, — די אינעווייניקסטע שוואכקייט און גייסטיקע שוצלאזיקייט — דאס שרעקט.

דען עס איז אוממעגלעך צו בויען פון זאמד אן צעמענט. און עס קענען ניט זיין קיינע האפענונגען איינצואָרדענען מיליאנען, מיליאנען מענטשן צעשאטן איבער גאר דער ערד, צעשטויבט איבער אלע וועלטן. וואס מער עס איז דער פראצענט ערב רב אין א פאלק, אלץ טראגישער איז זיין גורל: אלע פלענער, אלע רעטונגס־פראיעקטן, אלע אידעאלן פון אויפבוי, אלע "איזמען" און "זאציעס" ווי גוט זיי זאלן ניט זיין, אלע אויסרעכענונגען און קלוגע עצות פון די בעסטע גוטסגינער — אלץ מוז, חלילה, באנקראטירן, דען, — אז דער בויער איז קיין בויער ניט, מוז די בויאונג פארקריפלען, איז די בוי־שטאף קיין שטאף ניט, — קען מען פון איר קיין געביידעס ניט בויען.

איין אן ערב רב קען קיין פירער ניט געבארן ווערן. אויב עס מאכט זיך אזא, מוז ער אומקומען, מוז ער בלייבן אן פרוכט. א פעסטן קערפער, א מאסיוו קען מען ציען, קען מען פירן. א פאלק מיט איין גלויבן קען נאכגיין נאך איין סימבאל פון אט דעם פאלקס גלויבן. מיט א גלויבן קען זיין א געמיינזאמער ווילן און א געמיינזאם שטרעבן. קופעס זאמד קען מען פירן בלויז אין קאסטנס, בלויז אין פארבונדענע זעק. דאס קען טאן א דיקטאטאר, ניט קיין פירער, א פארפאלגער, א רשע, אבער ניט קיין פירער. וויל מען ראטעווען א פאלק מוז מען — ראשית כל, קודם כל ראטעווען זיין נשמה, מוז מען אין פאלק איינפלאנצן א גלויבן. נאך מיט צענדליקער יארן צוריק האט אחד העם געזאגט: "א לאנד אז עס ווערט חרוב, קומט א פאלק און בויט עס אויף, אז דאס פאלק ווערט חרוב, ווער וועט עס אויפבויען?" און חורבן מיינט ביי יידן גייסטיקער חורבן, די גאנגרענע פון נשמה. קיין שום יידישער קיבוץ איז נאך ניט חרוב געווארן פון פאגראמען. אלע חורבונות האבן זיך אנגעהויבן מיט דער גייסטיקער גאנגרענע פון אנווערן דעם גלויבן. דער ערשטער סימן פון דער גייסטיקער גאנגרענע איז דער שטענדיקער קנעכטישער פחד "טאמער וועט דער פריץ שמייסן". און זאל דא צום וויפלטן

מאָל געזאָגט ווערן: ניט אומקום שרעקט — קיינער האָט ניט קיין אייביק לעבן. שרעקן שרעקט דאָס פּאַראַליזירט לעבן און ניט קענען אומקומען.

טו. דער איינציקער קאַמף אין יידישקייט

(די אקס פון אונדזער געשיכטע)

איין קאַמף, איין און איינציקע ליניע טיילט פאַנאַנדער דאָס גאַנץ יידיש פאָלק אין צוויי קעגנערישע מחנות. דער קאַמף איז דווקא א שטילער. עס פארשרייען אים און עס פארהילכן אים אנדערע אויסגעטראכטע שפּיל־קאַמפן. דער קאַמף איז א שטילער, ווייל ער איז אינעווייניק, טיף, אָרגאַניש, אין די נשמות פון יידן פאר דער נשמה פון פאָלק.

פּונקט ווי אמאָל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אין די צייטן פון יענעם חורבן, אזוי אויך איצט, אין אונדזערע צייטן פון היינטיקן חורבן האָבן מיט דעם זעלביקן קאַמף פאר דעהיסטאָריזאציע (דאָס וואָרט איז קלויזנערס, — לאָמיר פארענדיקן די געשיכטע פון יידישן פאָלק) אָדער פאר המשכדיקייט — איינהאַלטן און ווייטער ציען דעם קיום פון פאָלק ווי אזא. די דעהיסטאָרי־זאציע־שטרעבונגען קומען היינט ווי תמיד פארשטעלטערהייט, פארדעקט און באפּוצט מיט לאָזונגען און רייד פון המשכדיקייט, ווי דער יצר הרע איז אָפט זיך נוהג זיך צו פארשטעלן פארן יצר טוב. אזוי ארום, אז עס איז אין תוך אריין זייער שווער צו דערקענען, אונטערצושיידן צווישן די צוויי קעגנע־רישע צדדים. און אָט אהער געהערט די פראזע פון ר׳ שלמהלען אין דער ״גאָלדענער קייט״ — ״און דאָ צווישן טויט און לעבן וואקלט זיך א וועלט״. און דער איינציקער סימן מובהק אונטערצושיידן צווישן המשכדיקייט און דעהיסטאָריזאציע איז אין מיינע אויגן — יאָ גלויבן אָדער ניט גלויבן אין פאָלק און אין זיין קיום. קומען אלערליי פירער און וועקער, שווערן זיך אין ליבע צום פאָלק, שיטן אויף אים עצות און ברכות און אין דער זעלביקער צייט קוקן זיי אָבער מיט קנאה און גלוסטונג ערגעץ אין די זייטן, זוכן דאָרטן פרעמדע מוסטערן און פרעמדע תורות, — זיינען זיי מחנות אָן גלויבן. אָן גלויבן אין גייסט פון פאָלק, און זיי געהערן צו די מחנות פון דעהיסטאָריזאַ־ציע, ווען אפילו זייער דעקלאַמאציע איז פאר המשכדיקייט. ווייל מען קען ניט ממשיך זיין דעם קיום פון פאָלק מיט פרעמדע תורות, מיט פרעמדע געטער און פרעמדע רעליגיעס.

זיינען אמאָל געקומען די פּרושים און זיי האָבן אויפגענומען דעם קאַמף. זיי האָבן געבויט די המשכדיקייט, די ״גאָלדענע קייט״ פון ״משה קבל תורה ומסרה״, און אזוי ווייטער און ווייטער. ווער זיינען זיי געווען? — ערשטנס — גלויבן. קיינער האָט ניט געהאַט אזא שטאַרקן גלויבן ווי די פּרושים אין זייער פאָלק, דאָ האָט געשטעקט אזא שטאַרקער פאָלקיזם. (אַז דעם נאָמען, ווייל יעדער נאָמען איז ממעט דמות), וואָס האָט זעלטן זיין גלייכן.

צווייטנס — איזאלאציע. פרושים הייסט דאך "אפגעשיידטע", — האבן זיי אנגעבויט גייסטיקע "צוימען" סיגים אויף סיגים, גדרים — אלץ פאר זיך, אלץ אפגעזונדערט. ניט גיין אין פרעמדע וועגן, ניט נאכטאן קיינעמס מנהגים. און דאס אלץ ניט מחמת שנאה, נאר צוליב איין געדאנק: המשכדיקייט קען זיין בלויז גאנץ, בלויז ווען אלץ וואקסט אויף באדן פון אייגענעם גייסט. מוז די המשכדיקייט זיין ארייגעוואקסן אין לעבן, אין שטייגער, אין טאג־טעגלעכן פיר.

אט דא ליגט דער גאנצער זינען פון די יידישע מינהגים און דינים פון דער גאנצער הלכה און פוסקים און שולחן ערוך פון די אנשי כנסת־הגדולה ביז צו דעם "חיי אדם" אין ווילנע אין 19טן י"ה. זאל קיינער ניט זוכן, ניט וועלן זוכן אין די אלע יידישע מצוות קיין טעאלאגישן גאטעס דינסט פאר גאט. דאס זיינען "פאלקס־דינסט" צו דינען דער המשכדיקייט און אייגנארטיקייט פון פאלק.

די פרושים האבן געבויט א נאציאנאלע דיסציפלין ניט פאר גאט נאר פארן קיום פון פאלק. די פרושים האבן פיינט געהאט טעאלאגיע, פילאזאפיע. מען דארף ניט און מען טאר ניט טראכטן וועגן "מה למעלה ומה למטה". די וואס גייען אריין "אין פרדס" (טעאלאגישע פילאזאפיע) מוזן געשעדיקט ווערן. נאר איין רבי עקיבא איז אריין און ארוים בשלום.

קיין האלבע מסיכתא ניט וועגן דעם ווי מען דארף גלויבן אין גאט און אזוי פיל זיך ארומגעריסן וועגן דעם קלענסטן מינהג פון יידן, גאנצע טראקטאטן! דער יסוד פון יידישקייט איז די דיסציפלין אין שטייגער, אין לעבן, אין פירונג און ניט אין טעאריעס, ספעקולאציעס, פילאזאפיעס וכדומה.

די פרושים האבן ניט געבויט קיין בית־המקדש, בית־תפילה פאר גאט, צו דינען גאט. זיי האבן געבויט בתי מדרשים צום לערנען, בתי כנסיות — פארזאמלונגס הייזער. ביי די פרושים זאגט גאט אליין: "הלוואי וואלטן זיי מיך פארלאזט און די תורה געהיט" — ניט גאטהייט נאר יידישקייט.

ווייטער דארף דער המשך זיין אריינגעפלאכטן אין געדאנקען, אין שאפונג, אין תורה. קען דער פראצעס פון שאפן, פון אנוווקס פון תורה קיין מאל זיך ניט איבעררייסן. טאר ער אבער אויך קיינמאל ניט זיין דורכוים ניי. אז וואקסן אין אלטע תורות. ווי נייע צווייגן מיט יונגע בלעטער אויף אלטע שטאמען, וואס האלטן זיך אויף אורעלטע ווארצלען, אזוי דארף וואקסן די יידישע תורה, יידישקייט.

פאלקסטימלעכקייט, טראדיציע, גייסטיקע איזאלאציע — אט זיינען די דריי זיילן, וואס אויף זיי האבן די פרושים אויסגעבויט די אייביקע יידישע

וועלט. אין דעם איז געלעגן דער גאנצער אונטערשייד צווישן די פרושים און די צדוקים. די לעצטע האבן אויך זיך געהאלטן פאר גוטע, פאר די בעסטע יידן. זיי זיינען געווען נאך פרומער, ריגארישער. זיי האבן בלויז געלייקנט די פאלקסטימלעכע טראדיציע און די איזאלאציע האבן זיי אויך ניט געוואלט. האבן זיי שטאלצירט מיט דעם פארהייליקן די ווערטער פון דער פארשריבענער תורה. וואס איז פאר זיי געווען בלויז רעליגיע, אבער ניט קיין גלויבן.

די פרושים האבן געהאלטן אז די תורה דארף שאפן א צוים פאר יידישקייט. די צדוקים האבן געוואלט ארומצאמען די תורה, אפצאמען זי. (די פארמולירונג האט מיר געגעבן א 10 יאריקער תלמיד).

און איצט אויך. אין די יארן פון היינטיקן חורבן ליגט דער גורל פון יידישן פאלק ניט ביי די מלחמה־לוסטיקע "סקריקן", ניט ביי די ארטאדאק־סישע היטער פון דער אפגעשלאסענער תורה שבכתב. וואס לייקענען די פאלקסטימלעכע תורה שבעל פה פון היינט, נייערט בלויז אין די הענט פון אזוינע גרופעס, וואס זאלן היינט קאנען גילטן פאר פרושים. — קומען צו גיין פארשיידענע פאלעמיסטן, אלערליי צדוקים מאדערנע און שרייען מיט א גרי־מאסע פון ביטול: "וואס? — איר ווילט א שטיקל פרץ פארגלייכן צום תנ"ך? א מעשה פון שלום עליכם — מיט חומש ? און זיי זיינען לכתחילה צופרידן מיט זייער נצחון. ענטפער איך אבער אויף דעם מיט א קאטעגארישן "יא". מרשות פון דער גאנצער יידישער טראדיציע האבן מיר ניט בלויז רעכט, נאר אויך א חוב אריינצונעמען אין סכום יידישקייט (תורה) אלץ וואס ווערט געשאפן ווי כלים איינצוהאלטן דעם פאלקס גייסט. איז יא, טאקע אזוי: טביה דער מילכיקער איז ניט ווייניקער יידישקייט איידער איוב און א "קאפיטל תהילים" פון פרץ ניט ווייניקער ווי א קאפיטל תהילים. אט אזוי איז דער וועג פון יידישן גייסט אין יידישן לעבן. און מיט דעם זעלביקן רעכט וואס א רב האי גאון האט געעצהט ניט צו לערנען צו פיל מקרא, ווייל עס פירט צו "מינות", מיט די זעלביקע רעכט וואס מיין זיידע האט מיר ניט געלאזט צופיל לערנען תנ"ך, ווייל עס פירט צו אפיקורסות פון "בערקע מיכאלישקערס חדר" (אדם הכוהן לעבנזאן), — מיט די זעלביקע רעכט זאגן מיר איצט, אז די וואס לייקענען די תורה שבעל פה פון היינט, די וואס ווילן האלטן בלויז פון דער אלטער תורה שבכתב, — די זיינען היינט ניט בעסער ווי די צדוקים, די קאראימער, די אפיקורסים אמאל. דער וואס לייקנט די שאפונגען פון לעבעדיקן יידישן גייסט, דער לייקנט אין יידישקייט, דער איז א "כופר בעיקר" מעג ער זיין אפילו פרום און וואס איר ווילט אליין. דאס באנוצן אין פאלק, דאס כסדרדיק האלטן אין מויל און אין הארצן און דער גלויבן אין אים האבן דאס געמאכט פון תהילים, פון די פארשריבענע אומפארשטענדלעכע געזאנגען א לעבנס־קוואל. דער גלויבן און דאס "תלמוד תורה" האבן געמאכט פון ספרים, ביכער — א "תורת חיים" און פארשלי־סנדיק די תורה, מאכנדיק פון איר בלויז א תורה שבכתב, לייקענענדיק דאס אנגעוואקסענע אויף איר, — קען מען זי מאכן אויס "תורת חיים". ווער

עס לייקנט היינט די היינטיקע תורה שבעל פה, איז היינט דאס וואס די צדוקים בשעתם.

אמת, צווישן די ווערק פון דער יידישער ליטעראטור זיינען פאראן גאר גאר ווייניק וואס זאלן באמת זיין פול מיט יידישן גייסט. אבער אויב די אמאליקע פרושים האבן אין זייער צייט קוים אנגעקליבן פיר און צוואנציק ספרים, מאכט גארנישט אויס אויב מיר וועלן פון דעם מין אנזאמלען נייע א העלפט פון דעם.

דאס איז בנוגע צו אונדזער תורה, צו דעם גייסט, וואס איז ווארט, וואס ווער עס לערנט אים — יהשגט אים און ענלעך איז אויך די זאך בנוגע צום לעבן־שטייגער, פיר, זיטן און מנהגים פון טאג־טעגלעכן לעבן; אלע מנהגים, אלע פירונגען וואס מיר טוען כדי צו זיין ענלעך צו אנדערע, אלע שפראכן וואס מיר רייד, כדי זיך אויסצוטיילן און אפשיידן פון פשוטע יידן, — אלץ דאס איז אסימילאציע ווען אפילו עס ווערט באגלייט מיט די הייליקסטע דעקלאמאציעס און מיט די פרומסטע העוויות און שבועות. אלץ, אלע זיטן, שפראכן, אלע פירונגען וואס יידן באנוצן כדי זיך אפצושיידן און כדי זיך אויסצוטיילן פון אלע אנדערע — דאס איז יידישקייט. עס גייט לגמרי ניט אין פינקטלעכן, ריגארישן אפהיטן דווקא דאס אלץ, וואס עס איז פארשריבן אין "שולחן ערוך" צי אין "חיי אדם", צי ווו עס זאל ניט זיין. פארקערט, אלץ וואס מיר טוען לשם אפצוהיטן אונדזער ספעציפישקייט, אונדזער אנדערשקייט, דאס איז איז יידישקייט. מאכן מיר עס קאלעקטיוו,—איז עס אונדזער געמיינזאמע יידישקייט.

מעגן עס זיין זאכן, זיטן, וואס זיינען אין ערגעץ ניט פארשריבן ווי מצוות און עבירות, מעגן עס זיין זאכן וואס מיר האבן אויף זיך גענומען מיט דער כוונה אפצוהיטן אונדזער אנדערשקייט, אונדזער באזונדערקייט און "פארזיכיקייט" — איטלעכער דור און זיינע מצוות, זיינע "סיגים". ניט דווקא א קאפיע פון דער יידישקייט פון אונדזערע זיידעס. דאס דארף זיין דער סכום פון אלע די וועגן, זיטן און מנהגים, וואס מיר געפינען היינט פאר נייטיק איינצופירן כדי אפצוהיטן אין לעבן (ניט אין שאפעס) אונדזער יידישקייט. אט אזוי האבן די פרושים געשאפן זייער יידישקייט פון הלכה און אגדה, אזוי איז יידישקייט אפגעהיט געווארן אין משך פון דורות, אזוי און דערמיט האבן יידן געלעבט און א קיום געהאט דורך אלע דורות. און בלויז אויף דעם וועג וועלן יידן קענען האבן א קיום אויך ווייטער. פונקט ווי תורה דארף ניט און טאר ניט זיין לגמרי אין איין דור אן אומפארענדערטע פינקטלעכע קאפיע פון דעם, וואס עס איז געווען מיט א דור פריער, פונקט אזוי איז לגמרי ניט נייטיק אז דער שטייגער אין איין דור זאל זיין א גענויע קאפיע פון דעם וואס עס איז געווען אין פריערדיקע דורות. דער עיקר איז, עס זאלן זיין אפגעהיט צוויי יסודות:

א) המשכבדיקייט; דער שטייגער פון איין דור דארף שטאמען פון שטייגער פון פריערדיקע דורות — שבת — פון שבת וכדומה.

ב) אלע עלעמענטן פון שטייגער דארפן זיין ספּעציפיש־יידיש. וואָס קומען לשם ולשמה אפצוהיטן די יידישע אנדערשקייט. זיי טאָרן ניט זיין קיין פרעמדע, איבערגענומענע.

די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע אבער איז לגמרי ניט די אמתע יורשטע פון יענער אמאָליקער פּרושישער וועלט־סיסטעם. פאַרקערט איז זי לויט איר געשיכטלעכער ראָלע זייער ענלעך צו די אמאָליקע צדוקים. כאָטש, פאַר־שטייט זיך, די אָרטאָדאָקסן וועלן עס לייקענען. זיי וועלן זיך וועלן, האַלטן פאַר אמתע פּרושים. פּונקט אזוי פראַווען דאָך היינטיקע ״העלעניסטן״ חנוכה — דעם יום טוב פון דער קעגנערישער אידעע. ביי די פּרושים איז אין צענטער פון גאַר זייער געדאַנק און אקטיוויקייט געשטאַנען דאָס פאָלק. האָבן זיי גאָט און דעם גאנצן קאָסמאָס ארומגעבויט ארום אָט דעם צענטער, ארום דעם עיקר כל העיקרים. פון אהבת ישראל (פאָלקיזם, בלע״ז) זיינען זיי געקומען צו אהבת שמים, צו יראת שמים.

דער גאנצער סכום אויסגעהאַלטענע יידישקייט און זיטן, מינהגים וואָס מען האָט אָנגערופן ״יידישע רעליגיע״ שטאַמט דורכויס ניט פון רעלי־גיעזע אספּיראַציעס, נאָר פון זאָרג פאַרן נאַציאָנאַלן קיום און פאַרזיכיקייט, עס איז יידישקייט און עס איז עקוויוואַלענט ניט צום סכום רעליגיע ביי אַנ־דערע פעלקער, נאָר צום סכום וועלטלעכער אייגנטימלעכקייט.

ביי אַלע פעלקער האַלט זיך אָט די שטייגערישע אייגנטימלעכקייט אליין, מיטן כוח פון געטרייקייט צו טראַדיציע. ביי יידן אָבער מיט זייער שוואַכער געטרייקייט צו טראַדיציע האָט זיך עס געהאַלטן בלויז מיט דער רעליגיעזער סאַנקציע. יידן צו יידישקייט האָבן א שוואַכע גראַוויטאַציע, סיידן זיי גלויבן אַז דאָס איז גאָטהייט. אפילו די יידישע נביאים האָבן אַל דאָס גוטע אין יידישקייט צוגעשריבן צום גרויסן יידישן גאָט, און די יידן אַליין זיינען ביי זיי אין די אויגן בלויז שלעכטע היטער פון אַלעם דעם וואָס אַז אין תוך דאָך געווען פּראָדוקטן פון יידישן גייסט.

בלויז די פּרושים זיינען געווען אויסגעהאַלטענע און באַוווסטזיניקע פאַרהייליקער פון אַלץ וואָס יידיש איז, ווייל עס איז יידיש.

ביי דער היינטיקער אָרטאָדאָקסיע איז עס פּונקט פאַרקערט: ניט ישראל איז דער עיקר, נאָר שמים. עס איז פאַראַן דער גאָט־גלויבן, אים דאַרף מען דינען און אָט דאָס דינען צו גאָט — דאָס איז זייער כל היידישקייטן. פעלט ביי זיי דער פּרושישער פאָלקסטימ־לעכער צענטער; ביי זיי קען געמאָלט זיין א געטרייקייט צו גאָט מיט א פרעמדקייט צום גייסט פון פאָלק, צו זיין שכינה. איז עס ביי דער היינטיקער

אַרטאָדאָקסיע, ביי א גרויסן טייל יידן בכל אופן, מער יידישע רעליגיע, איידער יידישער גלויבן. און פונקט דאָס זעלביקע וואָס עס האָט אָפּגעטיילט די אַמאָליקע פּרושים פון די דעמאָלטדיקע צדוקים — פונקט דאָס זעלביקע שיידט איצט אָפּ אונדז פון דער היינטיקער אַרטאָדאָקסיע — דאָס וואָס זיי האַלטן בלויז פון דעם אַלץ וואָס איז פאַרשריבן געווען אַמאָל, פון דער ״תורה שבכתב״ און מער נישט, און זיי לייקענען אַלץ וואָס ס׳איז היינט ״תורה שבעל פה״. זיי גלויבן ניט אין המשכדיקייט, זיי לייקענען אין דעם ״דברי תורה פרים ורבים״ — די יידישע לערנונגען וואַקסן און פאַרמערן זיך — זיי ווילן א תורה, א פאַרגליווערטע, וואָס וואַקסט ניט און וואָס עס שפּראָצן פון איר ניט קיין נייע צווייגן, בלעטער און בלומען. און קען זיין, אַז די אַמאָליקע צדוקים האָבן אויך געקוקט אויף זיך ווי אויף די ״אמתע״ יידן און אויף די פּרושים — ווי די היינטיקע אַרטאָדאָקסן קוקן אויף אונדז — אונדז טיילט אָפּ די תורה שבעל פה פון היינט. לויט דער היינטיער טער־מינאָלאָגיע וואָלטן מיר עס געקענט פאָרמולירן אַזוי: ווי די צדוקים אַזוי ווי די פּרושים, די אַמאָליקע ווי די היינטיקע — ביידע האַלטן זיך אָן דער טראַדיציע. פאַר די צדוקים, אָבער, פון אַלע צייטן איז טראַדיציע א קאָנ־סערוואַטיווע; פאַרענדיקט, אָפּגעהיט ניט צו ענדערן. די פּרושים, פאַרקערט, זיינען טראַדיציאָנעל־פּראָגרעסיוו. פאַר די צדוקים פון אַלע דורות, אונטער וואָסערע נעמען זיי זאָלן ניט פיגורירן, איז די טראַדיציע א רעליגיע, וואָס דאַרף אויספירן איין פונקציע אין לעבן — די בענקעניש נאָך מאָמענטן פון העכערן אויסלעבן זיך. פאַר די פּרושים, אָבער איז די טראַדיציע א גלויבן פאַר דעם גאַנצן לעבן, גלויבן פון יעדן יחיד פאַרן קיום פון כלל. און דער גאַנצער אונטערשייד שטאַמט ארויס פון דעם וואָס ביי די צדוקים איז פאַראַן א עמאָציאָנעלע נעגאַציע צו יידן — א שנאת ישראל, צו לעבע־דיקע יידן. — ס׳איז דער דראַנג פון יידן. פאַר זיי איז די קאָנסערוואַטיווע יידישקייט ווי אַנגעמאָסטן: מען איז ווייט פון יידן, מען מעג זיי נעגירן צוזאַמען מיט אַל דעם זייעריקן און מען קען דאָך זיין ״גוטע יידן האַלטנדיק דאָס קאָנסערווירטע און מען איז יוצא דערמיט. כדי צו זיין דורכגעדרונגען מיט דער פּראָגרעסיווער טראַדיציע פון די פּרושים (פון אַלע דורות) מוז מען עמאָציאָנעל פאַרמאָגן א אהבת ישראל צום פּשוטן יידן.

איז דער איינציקער קאַמף אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע — גראַוויטאַציע, צוצי צום פאָלק אָדער אָפּשטויס און דראַנג צו אַנדערע. פאָלק־גראַוויטאַציע אָדער פרעמד־גראַוויטאַציע. פון משה רבינו אָן פירט זיך אָט דער קאַמף: המשך און אייגנס, און דאָס פאַרבינדט יידן אין איין פאָלק איבער אַלע דורות און איבער אַלע לענדער; — אָדער פרעמדס און איבערגענומענס, אָפּגעלערנט פון אַלע ״גרויסע האַר־פעלקער״, און די טענדענץ ״צעבינדט די שטריק״, זי צעשיט, צעשטויבט א פאָלק צו שטויב.

אין דעם קאַמף צווישן די צוויי טענדענצן ליגט דער מהות פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע דורך אַלע תקופות, אין אַלע באַוועגונגען און ריכ־

טונגען: פאלק־גראוויטאציע — און לעבן, פרעמד־גראוויטאציע — און אומקום. דא ליגן אויך די "ניוטאנס געזעצן" פאר אלע באוועגונגען אין יידנטום אויך היינט און פון דאנען ווערן קלאר די רעזולטאטן זייערע מארגן און איבערמארגן: — פאלק־גראוויטאציע אדער פרעמד־גראוויטאציע — לעבן אדער טויט. אזוי ווי ביז איצט, אזוי אויך ווייטער.

פון דעם "לא תעשה לך כל פסל" דורך אלע נביאים, וואס ראטן אויס אל דאס מאטעריעלע אין יידישקייט, במות, קרבנות, טעמפלען; וואס בויען אויס א יידישקייט אפילו אין דער פרעמד . . . דורך די פרושים וואס שטעלן יידישקייט אויף מסורה־טראדיציע אין געדאנק און אין מעשים (תורה און עבודה). בויען שיינע בתי מדרשים און אויסברענגען יידיש געלט, וואס בעסער איז עס פארוועגדן אויף לערנען. און אזוי ווייטער און ווייטער. — איז א "סיני" איטלעכער לערנער, איז ירושלים איטלעכע שטאט ווו יידן היטן יידישקייט, איז יבנה ניט יענס שמוציק דערפל ערגעץ ארום יפו, נאר גאר א וואלאזשין ערגעץ ביי דעם שווארצן ווילנער טראקט. איז תמיד די יידישקייט אין דעם גייסט פון פאלקס געפילן, דענקען און לעבן, איז עס די שכינה פון פאלק וואס ליגט באהאלטן אין זיין המשכדיקן גלויבן, אין זיין שטייגנדיקער טראדיציע, דארטן ווו עס איז דא גראוויטאציע צום פאלק. ווו מיר זיינען, איז מיט אונדז און אין אונדז און עס מוז זיין אין אונדז דער בארג סיני, ירושלים, יבנה, די שכינה — די גאנצע און אויסגעהאלטענע יידישקייט. — דאס איז איין וועג, דער וועג, דער וועג פון פאלק־גראוויטאציע. און דער צווייטער וועג — דער אומוועג: צופאסונג, איבערנעמען אלץ וואס פרעמד איז, — אין וויפל לענדער מען וווינט, אזוי פיל פארמעס דארף מען אננעמען . . . מען דארף זיין געטריי דעם הערשנדיקן פאלק פון איטלעכן לאנד. דאס לאנד איז זיינס. און מיר זיינען גליקלעך ווען מען לאזט אונדז אימיטירן און נאכמאכן, פארשטעלן זיך, איינריידן זיך אז מיר זיינען פונקט ווי זיי . . .

טז. די שוואכקייט פון די היינטיקע פרושים

פארוואס אבער האט זיך ביז היינט ביי יידן ניט געקענט אויסבילדן אזא פאלקסטימלעך־פרושישע ריכטונג? פארוואס זיינען די אזוי גערופענע "פאלקס־פארטייען" אין רוסלאנד (בימי קערענסקי—די טוער: י. עפרויקין, לאצקי־בערטאלדי, א"א) און אין פוילן (נ. פרילוצקי), פארוואס זיינען זיי געווען אזוי נישטיק, אזוי שוואך? פארוואס האבן זיי ניט געקאנט ווערן באמת די באוועגונג פון יידישן פאלקס גייסט? די סיבה דארף געזוכט ווערן ניט אין דרויסנדיקע, סאציאל־עקאנאמישע אדער פאליטישע תנאים, נייערט אינעווייניק — אין די סאציאל־פסיכישע אייגנשאפטן: א געזעלשאפטלעכע, א פאליטישע באוועגונג קען אויסוואקסן דארטן, ווו עס זיינען פאראן פון פריער אינטימע שטרעבונגען. בעת עס זיינען פאראן אין די הערצער פון פאלק עפעס אזוינע אומבאוווסטע נייגונגען קומט די אידעע, דער פירער און פורעמט אויס פון זיי א באוווסטזיניקע באוועגונג. בעת עס פעלן אבער

אזוינע נייגונגען, פארלאנגען, עמאציעס, דעמאלט קען קיין שום באוועגונג ניט געשאפן ווערן. אז עס זיינען ניטא קיין ציגל, קען קיין שום בויער אפילו דער בעסטער, קליגסטער מיט די בעסטע פלענער גארנישט אויסבויען.

האט א קליינע בראשור, געשריבן אין דייטש, פון א געוועזענעם פרינציפיעלן רוסיפיקאטאר, מיט א פרעמדן און מאדנעם נאמען "אויטא־עמאנציפאציע" זוכה געווען צו ווערן א תקופה ביי יידן ניט אין איר זכות, ניט אין זכות פון איר מחבר, נייערט און בלויז אין זכות פון דעם וואס זי האט אנגערירט א גלויבן אין די הערצער פון יידן. זי האט בלויז קינעטיזירט די גייסטיקע ענערגיע וואס איז געווען פון פריער, פון תמיד אנגלאגערט אין די נשמות פון פאלק. און קוקט מען זיך צו טיפער צו דעם וואס עס איז אויסגעוואקסן אין ארץ־ישראל און צו דעם גאנצן כאראקטער פון דעם אנגעוואקסענעם, זעט מען קלאר, אז עס איז ניט קיין פראדוקט פון פינסקערס פארשטעלונגען, אפילו ניט פון הערצלס טרוימען. עס איז א פארקערפערונג פון די פארשטעלונגען און טרוימען, פארלאנגען און שטרעבונגען וואס האבן דורות־לאנג געלעבט אין די נשמות פון פשוטן פאלק. אז עס ברענט א ליכט, ברענט און לייכט דאס פעטס, נאר דער פלאם האלט זיך ארום קנויט, כאטש ער אליין איז א פאסיווער צענטער — מער נישט. שאפן א באוועגונג פון אויבן קען מען ניט. עס איז אז אלטע מחלוקות, וואס אינטערעסירט אונדז בלויז אויף אזויפיל, וואס זי קען אונדז קלאר מאכן, אז קיין פאלקסטימלעכע פרושים באוועגונג האט ביז איצט ניט געקענט אויסוואקסן, ווייל עס פעלט נאך אלץ דער סאציאל־פסיכישער באזיס — דער גלויבן אין פאלק. אין אלע היינטיקע באוועגונגען ביי יידן איז פאראן א עלעמענט א פארקערטער — א אומצוטרוי, א אומגלויבן צו דעם יידישן גייסט, צו יידישקייט, צו פאלקיש־קייט. און דא ליגט א סכנה פאר אלע ריכטונגען: מען האט אין זינען דעם פאלק, מען איז גוטסגיניק צו אים. מען זוכט אבער וועגן, וואס ציען זיך ניט פון אים ארויס, קומט מען ניט ווילנדיק צו נאכמאכעריי, צו פרעמדע. און — לעבן א פרעמד לעבן, דאס איז מסוכן פאר אלעמען און פאר יידן באזונדערס. דאס האט נאך אמאל אזוי גוט, פאעטיש אויסגעדריקט ר׳ עקיבא אין זיין משל וועגן די פיש און דעם פוקס. דא ליגט די סכנה, אז א פאלק זאל ווערן אז ערב רב.

איז אט דא ליגט דער באזיס פון אלע אונדזערע פראבלעמעס, די פראגע פון אלע פראגעס, די אקס פון אלע באוועגונגען — פאלק אדער ערב רב. ניט רעכט און רעכטלאזיקייט, עמאנציפאציעס אדער פאגראמען. דיסקרימינאציעס אדער "גוטווילן", חן אין עמיצנס אויגן אדער אומחן. ניין און ניין. די איינציקע פראבלעם איבער אלע פראבלעמעס איז צי זיינען מיר א פאלק מיט א געמיינזאמען גייסטיקן און מאראלישן "איך" און דעמאלט קען מען, וועט מען אקטיוו גובר זיין אלע שטערן, — אדער מען האט ניט אזא געמיינזאמען גייסט וואס מען שעצט אים און מען ליבט אים — דעמאלט איז מען א פאסיווער ערב רב און מער גאר נישט.

יח. אָן א גלויבן — פּעסימיזם; גלויבן איז אָפּטימיזם

און אַט דאָ וואַקסט אויס א עיקרדיקע פּראַגע, א פּראַגע פון לעבן און טויט, א שאַרפע און א ביטערע: צי זיינען היינטיקע יידן גאָר פעיק צו האָבן אַן אייגענעם גלויבן? — און צוליב קלאַרקייט מוז איך צוגעבן — ניט קיין גלויבן אין טעאָלאָגישן זינען — אין עפּעס גֶעטעה, ניט קיין גלויבנס איבערגענומענע לויט אַנאַלאָגיעס פון אַנדערע. ניט דאָס מיין איך דאָ. איך מיין דאָ אַט וואָס: א צוטרוי צום אייגענעם קאָלעקטיוו, אַן אכטונג צו אים און א זיכערקייט אין זיין ווערט און אין זיינע מעגלעכקייטן. אַט דאָס בלויז מיינען מיר מיטן אויסדרוק "גלויבן אין פאָלק".

אויבנאויפיק איז דער ענטפער גאָר ניט קיין פריילעכער: ווי מען זוכט, וווהין מען קערט דעם בליק, — אומעטום באַמערקט מען אָדער אַן ערב רב גאָר אָן א גלויבן, אָדער "רעליגיעס". מען טראַכט בלויז וועגן די "גאָטעסדינסטן", וואָס מען דאַרף טאָן, אַפּטאָן כדי יוצא צו זיין, מען פאַר־טראַכט זיך ניט אויף דעם תכלית. וועגן דער אינעווייניקסטער נשמה פון דעם אַלעם, וואָס מען טוט און וואָס מען מיינט, אַז מען דאַרף טאָן. און קומט א רעדנער — רעדט ער . . . ניט דער זאַגער, ניט די הערער טראַכטן ניט, אַז דאָס זאָגן דאַרף זיך באַמיען צו ווירקן אויפן לעבן, אַז דאָס געזאָגטע דאַרף אריינדרינגען אין לעבן. מען רעדט, כדי אָפּצורײדן, מען הערט כדי צו האָבן א גייסטיקן פאַרגעניגן, כדי יוצא צו זיין, עלעהיי א רעדע אין קירך צום גאָטעס דינסט. — ס'איז א רעליגיע, א קאַלטע רעפאָרמירטע יידישקייט — רעליגיע פון א דרשה מיט אביסל צדקה און געגוג. און זאָגט דער רעד־נער, חלילה, עפּעס פון לעבן און צום לעבן, איז חיות ניט זיכער, — איז דאָך דאָס מוסר, און מוסר איז טריף: מען דערלויבט זיך ניט צו מוסרן א קאַסטאַמער! אפילו די דענקער אין פאָלק באַנעמען די יידישע פּראָבלעם ניט ווי א פּראָבלעם פון גלויבן. מען טראַכט רק אין קאַטעגאָריעס פון גע־שריבענע רעצעפּטן ווי אין דעם ליגט די רפואה; זאָל אָנגעמערקט ווערן דער נוסח פון גאָטעסדינסט. אַזוי קענטיק האָט אויך אַמאָל דער ערב רב געטענהט צו משהן: "מאַך אונדז א גאָט" א ממשותדיקן, מען זאָל אים קענען זען און אָנטאַפּן. זאָל מען אונדז ניט דרייען קיין קאָפּ מיט אבסטראַקטע תורות פון אבסטראַקטע געטער. א גאָט דערלאַנג! און זאָג קלאָר ווי מען דאַרף אים דינען . . . ענלעך אַט צו דעם באַגריפן אייניקע יידישע שרייבער די פּראָבלעם פון יידן אויף דער וועלט: גיט אהער א פּלאַן ווו אהינצוטאָן אַזוי פיל און אַזוי פיל מיליאָנען יידן! זאָגט קאָנקרעט ווי זאָל מען אָפּריכטן אַט די "יידישקייט־דינסט"! וואָס דרייט מען א קאָפּ מיט יידישקייט, ווען מען דאַרף ראַטעווען יידן? וואָס פאַר א שייכות האָבן דאָס דאַרטן עפּעס שולן, דערציונג, קולטור און אַנדערע שאַלעמויזן צו ראַטעווען יידן פון צרות? אא"וו, אלץ אַזוינע פּראַגעס און אָפּפרעגן ראַציאָנאַליסטישע, דאָגמאַטישע, וואָס שטאַמען אַרויס פון א גרונטיקן איגנאָרירן דעם עצם מהות פון גייסט און גייסטיקע כחות. דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט א לייקענען אין תוך אַריין אין עצם גלויבן, אַז —

ביי א געזונטער נשמה איז דער גוף ווידערשטאנד פעיקער, לעבעדי־קער, מונטערער און אקטיווער און במילא אויך געזינטער. אזוי א יחיד, — אזוי א קאלעקטיוו, א פאלק . . . מען באגרייפט ניט און אפשר וויל מען ניט בארייפן, אז אויסהיילן א ארגאניזם קען מען בלויז דעמאלט, ווען אין אים זיינען פאראן איינגעפלאנצט לעבנס־אימפולסן, גלויבן אין לעבן. גיי רייד מיטן לשון פון גלויבן, אז דאס פאלק און זיינע פירער פארשטייען בלויז דאס לשון פון רעליגיעס — אנגדזער דור הפלגה.

אפילו דער עצם באגריף "יידישע צרות" איז איצט פאר מאדערנע יידן, מיט די פירער און ווארטזאגער אריינגערעכנט, אן אנדערער. אמאל, ביי די טראדיציע יידן, האט מען מיטן ווארט "צרות" באצייכנט דאס ניט לאזן יידן זיין יידן, אפהיטן יידישקייט. דען איטלעכער ייד האט זיך דאך געקענט באפרייען פון אלע יידישע צרות מיט א קליינעם און גרינגען איבערצלמען זיך . . . פאר מאדערנע יידן איז יידישע צרות דאס וואס מען צווינגט צו זיין יידן, וואס מען לאזט ניט פארגעסן די איגענע יידישקייט. קיינע עקאנאמישע, סאציאלע, מאראלישע דערנידערונגען זיינען פאר יידן הייגט ניט אזוי פילבאר ווי דער צוואנג למשל צו טראגן יידישע נעמען וכדומה. עס וואלט געווען גאר ניט ווייט פון פסיכאלאגישן אינעווייניקסטן אמת ווען מען זאל זאגן, אז א גרויסער טייל פון די וואס טראכטן און זארגן פאר יידן וואלטן געוואלט רעגולירן ניט דאס יידיש לעבן — זיי וואלטן גאר געוואלט רעגו־לירן די "יידישע פראגע". זאל מען פטור ווערן פון צו דארפן טראכטן וועגן יידן. און וואס איז דער אונטערשייד ? א טאטע זארגט ווי איינצואָרדענען זיין קינד. א שטיף־טאטע טראכט איינצוארדענען, ער זאל ניט דארפן זארגן פארן קינד.

איז אויבנאויפיק קען ארויסקומען א שווידערלעך־פעסימיסטישער ענטפער — מיר האבן ניט קיין גלויבן און קענען ניט האבן. אן א יידישן גלויבן קען ניט זיין קיין יידיש פאלק, און אן א יידיש פאלק איז דאס לעבן פון איטלעכן יידן באזונדער א אייביקע מאטערניש

אן א גלויבן־צוטרוי צו דעם אייגענעם קאלעקטיוון גייסט, צו דער אייגענער שעפערישקייט און ווערטיקייט; אן א גלויבן־ליבע צו דער אייגענער קאלעקטיווער אנדערשקייט, — מוז קומען א גייסטיקער פאראליז, וואס פארהאלט די גאנצע אקטיווקייט און שעפערישקייט ,אפילו זיך צו באפרייען פון אומגליקן.

און נאך מערער — עס האבן זיך אפגענארט די וואס האבן געהאט די האפענונג, אז היטלער וועט כלומרשט מיט־געוואלד טרייבן די יידן צו שעפערישער, אקטיווער יידישקייט.

אבער עס איז לחלוטין ניט ריכטיק : רדיפות קענען מאכן די יידן יאר אויס־גויים, ניט פאר יידן. דען פון מינוס־גויישקייט איז לגמרי ניט קיין

גראדער וועג צו פלוס־יידישקייט, ניט־גויים זיינען ווייט נאך ניט קיין יע ייִדן. א גלויבן קען ניט אנגענומען ווערן, ער מוז אויסוואקסן אינעווייניק. כדי אזא גלויבן זאל קענען אויסוואקסן דארף זיין א פאזיטיווע באציונג צו זיך, אן אכטונג. אן אזא זעלבסט־אכטונג קוקט מען דאך אויף אלץ, וואס וואקסט פון אינעווייניק ווי אויף ווילדגראזן, וואס מען דארף זיי אויסוואָרצלען. און די וואס באציען זיך אט אזוי צו דעם קאלעקטיוון, נאציאנאלן "איד", די וואס האבן ניט קיין קאלעקטיווע זעלבסטאכטונג, קענען במילא שוין ניט פארמאגן קיין קאלעקטיוון נאציאנאלן גלויבן.

איז—"אין משיח לישראל" חלילה? ניטא קיין מעגלעכקייט, קיין האפע־נונג אויסגעלייזט צו ווערן, מאטערן זיך איז כף הקלע פון ניט אומקום (דאס לאזט מען ניט) ניט לעבן (דאס וויל מען אליין ניט), זאל עס חלילה, זיין א גזר אייביק צו האלטן זיך בלויז מיטן חסד פון גוטע באלעבאטים? אייביק צו פרייען זיך מיט די קורצע הפסקות צווישן איין פאגראם און דעם צווייטן ? צווישן איין חורבן און דעם צווייטן ? זאל דאס אמת זיין ?

און דאך איז דער פעסימיזם — בלויז אן אויבנאויפיקער. ער איז טיפער גענומען גאר ניט באגרינדעט. מען מוז זיך דא אפשטעלן אויף דער ראלע פון גלויביקע מינדערהייטן. די גאנצע יידישע געשיכטע איז א געשיכ־טע פון קליינע מינדערהייטן צווישן יידן. אלעמאל פלעגט דאס יידיש פאלק זיין בלויז א טייל פון דעם יידישן ערב־רב. פון די צייטן פון משה רבינו אן אין די מדבר־שטרייטן, צווישן די מרגלים נאך. איז אליהו געווען א קליינע מינדערהייט. האט זיך יידישקייט שוין דאן געהאלטן אויף א קליינעם טייל, אין דעם קלענערן טייל פון קליינעם לאנד און אזוי ווייטער. און עס איז ניט עפעס א מיסטיציזם אזא ? — לגמרי ניט. פאראן א לעגענ־דע, אז ווען יידן האבן געמוזט גיין דורכן ים, האבן יידן ניט געוואלט גיין — זיי האבן ניט געגלויבט. האט זיך געפונען א קליינע גרופע, א נחשון בן עמינחב, און זיי זיינען געשפרונגען אין ים אריין . . . האבן זיי שוין נאכגעצויגן נאך זיך א סך, און גאט האט שוין געמוזט שפאלטן דעם ים — א ברירה האט ער געהאט ? — אז א פאלק לאזט זיך גיין מוז גאט אויך העלפן . . . די מעשה מיט די ל"ו צדיקים איז גארניט אזוי נאיוו, נאריש, ווי עס טראכטן אפט קליינשטעטלדיקע פאזיטיוויסטן.

אייך די פרושים ווען זיי האבן דערשפירט, אז זיי מוזן ראטעווען דעם גורל פון פאלק, אויך זיי זיינען געווען א קליינע מינדערהייט, א הייפל אין דעם יידישן פאלק. זיי אויך האבן זיך אפגעטיילט פון דעם גאנצן גרויסן ערב רב, וואס זיי האבן גערופן דעמאלט מיטן נאמען "עם הארץ". זיי, די פאלקסטימלעכע, די וואס האבן פארהייליקט דעם גייסט פון פאלק, זיינע פירונגען און זיינע געדאנקען, די וואס האבן אין דעם פאלקס גאנג געזען ממש נבואה ("אם לא נביאים הם, — בני נביאים הם"), — די זיינען אליין געווען א קליינע מינדערהייט צווישן דעם זעלביקן פאלק. און זיי האבן

זיך אפגעזונדערט —ניט פאליטיש, ניט סאציאל, ניט טעריטאריעל, נאר גייסטיק, אפגעזונדערט שטייגעריש, געגומען היטן און אפהיטן אלע "תגין". אלע קליינע פרטים פון יידישער קולטור־שטייגערישער אפגעזונדערטקייט. און דאס אלץ מיט דעם טיפסטן גלויבן אין אט דער אייגנארטיקייט. און דאס האט אויסגעהאלטן, דורכגעטראגן. פון גאנצן, צעשפרייטן און צעגלידערטן יידישן פאלק זיינען אלע טיילן אונטערגעגאנגען, בלויז די קליינע פרושישע מינדערהייט איז געבליבן און אויסגעוואקסן צו ווערן דאס פאלק. פאראן א לעגענדע, אז ווען א מענטש שטארבט, ווערט ער אינגאנצן פארניכטעט אויף אייביק און בלייבן בלייבט בלויז איין ביינדל און אט דאס ביינדל — פון אים שטייט אויף דער גאנצער מענטש תחית המתים. אט דער פראצעס פון "שארית ישראל" האט זיך איבערגעחזרט א סך מאל אין דער יידישער געשיכטע אויך שפעטער. דאס גרויסע און רייכע אלעקסאנדריער יידנטום איז אוועק אן א שפור צו לאזן, מיר ווייסן ניט לגמרי וואס פאר א טיילן פון יידישן פאלק עס זיינען שפעטער פארטריקנט געווארן אין די כאליפאטן, אין צפון אפריקע. מיר ווייסן וועגן די יידן, וואס זיינען ארוים פון שפאניע מיטן גירוש. מיר ווייסן אבער גארניט וועגן די גרעסערע טיילן וואס זיינען געבליבן אין שפאניע, וואס האבן זיך אפגעזאגט פון יידישקייט, פאראן ידיעות, אז אזוינע זיינען געווען א סך מער איידער די פארעקשנטע יידן. דאס זעלביקע האט זיך איבערגעחזרט שפעטער אין אלע אנדערע לענדער. אויב צום סוף פון מיטלאלטער איז געבליבן בסך־הכל ניט מער ווי א מיליאן, איז עס ניט געווען קיין רעזולטאט פון שחיטות בלויז און חורבנות, נייערט איבערהויפט — פון אפטריניקייט, פון שמד, און ניט אומזיסט איז אוועקגיין פון יידישקייט באצייכנט ביי יידן מיטן נאמען שמד — אומקום, פארטיליקונג. די גאנצע יידישע געשיכטע איז אייגנטלעך געגליכן צו א טייך. וואס צעטיילט זיך כסדר אויף א סך ארעמס. אלע טריקענען אויס, איינער בלייבט, שטראמט ווייטער, צעטיילט זיך אויף ארעמס, אלע טריקענען אויס, — איינער בלייבט ווייטער צו שטראמען ווידער זיך צעוואקסן, צעצווייגן, פארלירן אלע צווייגן אויסער איינעם אא"וו און ווייטער.

אין יעטווידער שעפערישער תקופה פון דער יידישער געשיכטע איז דער אנהויב געווען תמיד פון א מינדערהייט. יחידים, קליינע גרופעס הויבן אן תקופות ביי יידן. און תמיד זיינען דאס ניט מענטשן "פון קלארן שכל און ניכטערן פארשטאנד", נאר דווקא דער היפוך דערפון — אומעטום איז דער וועג־ברעכער דער יידישער טרוימער און גלויבער, דער מנחם־מענדל. אט דער אויסגעלאכטער און אפגעלאכטער מנחם־מענדל, וואס פאלט כסדר און גלויבט כסדר, וואס פארלירט אלץ אויסער זיין גלויבן און שטרעבן, זיין אייביקן טרוים; וואס קאן ניט פאלגן דעם קלארן און פראקטישן, דעם ניכטערן און אזוי אויסגערעכנטן שכל פון זיין ווייב; וואס עס ציט אים און עס טראגט אים ערגעץ אין די הימלען אריין, — אט דער מנחם־מענדליזם האט אויסגעבויט די גאנצע יידישע געשיכטע — אלץ וואס עס איז אין איר פאראן אויסער פאגראמען און פאסיווע צרות.

אויב אין דעם קליינעם ארץ־ישראל איז עפּעס אויסגעבויט געוואָרן אזוינס וואָס האָט דעם קליין ווינקעלע פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער, אויב דאָרטן איז געשאַפן געוואָרן עפּעס וואָס איבערצייגט און וואָס מאַכט קוקן צו דעם מיט גלויבן, — איז דאָס אַלץ אַ אויפטו פון געציילטע מנינים גלויביקע פּיאָנערן, ניט פון מאַסן, ניט פון מערהייטן. ניט הערצלס טשאַרטער און ניט אַפילו באַלפורס דעקלאַראַציע און אַלע אַנדערע יורידישע און אינטערנאַציאָנאַלע באַוואָרענישן האָבן אין ארץ־ישראל אויסגעבויט דאָס ספּעציפיש־אָבן־ישראלדיקס. אויך ניט די פּראַקטישע קאָלאָניעס פון דער ערשטער און צווייטער עליה. אַלע די קאָלאָניעס זיינען געגאַנגען באַרג אַראָפּ צום פאַרחלשט ווערן, ווען די דריטע עליה איז געקומען מיט אַ גלויבן אין זיך, מיט אַן אידעאַל צו פאַרווירקלעכן אין זיך און פאַר זיך. און זיי זיינען געווען אַ מינדערהייט שבמינדערהייט, צענדליקער, העכסטנס הונדערטער.

אַל דאָס אָרגאַנישעס וואַקסט אויס תמיד פון אַ קליין אייעלע, פון אַ זאָמען, וואָס לויט זייער מאַסע זיינען זיי נישטיק קליין. ניט מאַסע איז דאָ וויכטיק, נאָר די טענדענץ פון וואַקסן און פאַרמערן, פון פאַרמירונגען וואָס ליגט אין די קליינע זאָמענדלעך און אייעלעך.

טאָ זאָלן די וואָס ווילן באמת לעבן ווי יידן און בלייבן יידן ניט אָפּשיקן צו דעם אומקלאָרן אַדרעס "יידישע מאַסן", "מערהייט" וכדומה. לאָמיר טאָן פאַר זיך, אויב אַפילו אַ קליינע מינדערהייט. — און דער אויפטו וועט זיין פאַר אַלע מערהייטן, פאַרן גאַנצן פאָלק. דער וואָס האָט אַ גלויבן און וויל לעבן לויט זיין גלויבן, — דער וואַרט ניט אויף קיין מאַסן, דער איז קודם כל מקיים זיין גלויבן פאַר זיך, ביי זיך אין האַרצן און ביי זיך אין דער היים. דער וואָס זוכט רעליגיעס, דער דאַרף האָבן דרויסנדיקע פאָרמעס, דעקאָראַציעס, — דער דאַרף מאַסן, דעם "ברוב עם". די גלויביקע דערשרעקן זיך ניט ווען זיי זיינען אַ מינדערהייט, איינזאַם, אַליין.

איז אַט — איז אָט די גלויביקע, מעגן זיי אַפילו זיין מער ניט ווי ל"ו, אויב זיי קענען נאָר טראָגן זייער יידישקייט אין זיך, — אין זיי ליגט דער גורל פון פאָלק מיט זיינע אַלע מערהייטן.

יט. די היינטיקע יידישקייט הלכה למעשה

אַזאַ גלויבן מוז זיך אויסדריקן אין מעשים, אין מצוות — עשה און לא תעשה; אַ גלויבן מוז פאָרעמען דאָס גאַנצע לעבן. טאָ אין וואָס באַשטייען אָט די מעשים פון דעם יידישן גלויבן היינט צו טאָג ? היינט — ניט פאַר דעם נעכטן, נאָר פאַר דעם היינט מיטן מאָרגן?
איך זע דעם צענטער, דעם שווער־פּונקט אָט אין וואָס :

1) ניט גיין אין פרעמדע וועגן. אָט דער "בחוקותיהם לא תלכו" איז היינט די גרעסטע מצווה. אויסמיידן אין שטוביקן און אין געזעלשאַפט־

לעבן אלץ, וואס שטאמט ניט פון אונדז — אין לעבן, אין פארוויילונג, אין זיטן, שטייגער, אין וואך און אין יום־טוב, אין קינדער האדעווען און אין דערציען. דאס איז, דאכט זיך מיר, דער "כל התורה כולה" פון היינטיקער צייט. ניטא נאך א צווייטע זאך, וואס זאל קענען זיך פארגלייכן לויט איר וויכטיקייט מיט אט דעם פרינציפ פון יידישקייט. היינט איז דאס דער באזיס. איטלעכער דור — און זיינע גרונט מצוות. היינט מוזן מיר אין צענטער אוועקשטעלן דעם נעגאטיוון פרינציפ. און אט פארוואס: אונדזער גאנצע פראבלעם דרייט זיך ארום איין אקס — אונדזער זעלבסטשטענדיקייט אדער אומזעלבסטשטענדיקייט. לויט דער פראפארץ פון אונדזער נאכטאן שטייגט אונדזער אומזעלבסטשטענדיקייט, אונדזער ארויפקוקן ארויף צו אלץ וואס פרעמד איז, אונדזער אומאכטונג צו זיך אליין, אונדזער שפלות־סם, וואס סמט אפ אין אונדזער נשמה אל דאס שעפערישעס. אין דער פראפארץ פון נאכטאן איז שטוב און אין גאס וואקסט ביי אונדזערע קינדער די קנאה־שנאה — קנאה צו פרעמדס, שנאה צו אייגנס, וואקסט זייער וויכן פון אלץ אונדזערס, וואקסט די צעשפליטערטקייט און צעשטויבטקייט פון גאנצן פאלק, וואקסט אונדזער אומבאהאלפנקייט — די מאמע פון אונדזערע אלע צרות און פיין. אט פארוואס איך שטעל אוועק אט דעם פרינציפ בראש פון דער גאנצער יידישקייט. האט דער רמב"ם בשעתו בראש פון זיינע תרי"ג מצוות אוועקגעשטעלט פריה ורביה — פארמערן זאלן זיך יידן, אין די צאלן יידן דארף ליגן דער יסוד פון קיום פון פאלק, — דארפן מיר איצט זען די ערשטע מצווה פון יידישקייט פארן קיום פון פאלק ניט אין צאלן סתם־יידן, נייערט אין דער פארעקשנטער אויסגעהאלטנקייט, זאל זיין אפילו פון קליינע גרופעס . . .

צי קען אזא אויסגעהאלטנקייט אפגעהיט ווערן? צי קענען מיר אויסמיידן די אלע שטייגער־פירונגען, וואס הערשן אין ארומיקן לעבן? צי קען א ייד לעבן אפזאגנדיק זיך פון אלע פארוויילונגען, מינהגים, קונסטן וכדומה? זיי זיינען דאך אלע פרעמדע, ניט אונדזערע?

עס איז פאר מיר קיין פראגע ניט. מיר האבן דאס געקענט טויזנטער יארן און מיר קענען דאס עס אויך היינט. עס איז א פראגע צי מיר ווילן פירן אזא לעבן, ניט צי מיר קענען. און זאל קיינער ניט וואגן זאגן אויף דעם "געטא". געטאס בויט מען פאר יידן, מען צווינגט יידן, מען טרייבט זיי אין געטאס ווי אין תפיסות. ווען מענטשן צאמען אבער אוים באגרענעצטע רוימען פאר זיך, אפגעזונדערטע, וו זיי זאלן קענען זיין פאר זיך ווי זיי אליין ווילן זיך פירן אין לעבן, — דאס איז שוין לגמרי ניט קיין געטא, דאס איז א היים, א היים וואס מענטשן בויען ניט בלויז פאר זייער גוף, נאר פאר זייער נשמה, וו זיי זאלן זיך פילן "היימיש", פאר זיך און ביי זיך. פון "געטא" ביז "היים" איז דאך א ווייטער מהלך. ניט שוין זשע באגרייפן עס ניט די וואס האלטן אין איין שרעקן אונדז מיטן ווארט "געטא"? איז אט דאס אפזאגן זיך פון אלע פרעמדע לעבנס־שטייגער־עלעמענטן — דאס איז דער ערשטער פרינציפ פון יידישקייט פאר

די וואָס ווילן טאָן און בויען היינט דאָס, וואָס די פּרושים האָבן געטאָן און גע־שאַפן אין זייער צייט.

2) דער צווייטער פּרינציפּ איז — דאָס שאַפן זיך אַן אייגענעם שטייגער. קוים זאָגן מיר זיך אָפּ פון איין שטייגער, מוזן מיר האָבן א צווייטן. דען עס קען ניט זיין א לעבן אָן א שטייגער. פּונקט ווי עס קען ניט זיין ענערגיע אָן מאטעריע, ווי עס קען ניט זיין קיין פלוסיקייט אָן א כלי. האָבן מיר זיך בשעתו אָפּגעזאָגט פון טראדיציאָנעלן שטייגער, איז עס אביעקטיוו געווען א איבערגאנג צו פרעמדע שטייגערס. ווילן מיר איצט זיך אָפּטאָן פון פרעמדע שטייגערס.

אָט דאָס אָפּטאָן זיך פון פרעמדע שטייגערס איז לויט זיין אינהאלט פּונקט דאָס זעלביקע וואָס עס האָבן פאַרלאַנגט פון יידן אלע נביאים. זיי האָבן דאָס בלויז אָנגערופן אנדערש מיט א טערמינאָלאָגיע פון א גלויבן און א גאָט פון א גלויבן.

מוזן מיר פון לכתחילה אויף זיך נעמען אַן אייגענעם שטייגער. און יעדער שטייגער מוז זיין א לעבעדיקער אויסדרוק פון אונדזער היינטיקן גלויבן. עס קען ניט און עס טאָר ניט זיין קיין פּשוטער המשך פון א שטייגער וואָס איז פריער געווען אָרגאניש און אדעקוואט צום גלויבן דעמאָלט. דער שטייגער קען ניט און טאָר ניט זיין קיין קאָפּיע פון יענעם יידישן שטייגער וואָס איז געווען אזוי איינגעפּאסט, צונויפגעלעבט מיטן גלויבן פון אונדזערע עלטערן. אלע די, וואָס דערלאַנגען באַלד דעם "שולחן ערוך" מיטן "חיי אדם" ווי נאָר איר הויבט אָן ריידן וועגן יידישקייט און יידישן שטייגער — אלע די דענקען מיט באַגריפן פון קאָנסערווירטע רעליגיעס און זיי פאַרמאָגן ניט קיין באַגריפן פון לעבעדיקע גלויבנס. איז דער "אפּיקורסישער" שטייגער לעבן פון א קבוצה אין ארץ־ישראל דורך און דורך יידישקייט, ווייל עס איז ביי זיי א פאַרקערפּערונג פון זייער יידישן גלויבן (דאָס, דערציילט מען, האָט גוט פאַרשטאַנען אפילו א הרב קוק). איז די יאַרמולקע און טלית פון יענעם יידישן אינטעליגענט וואָס וויל, "אָפּהיטן א ביסל זיין טאַטנס גלויבן" — לגמרי שוין עפּעס אנדערש.

איז שבת למשל פאַר מיר ניט ווייניקער וויכטיק ווי פאַר מיין פאָטער. און ניט אויס ליבע און צוגעבונדנקייט, צו פאַרגאַנגענהייט און יחוס. ניין! אויס ליבע, פאַרקערט, צו יידישער צוקונפט: יאָ, מען קען זיין א גוטער ייד אויך אָן שבת און יום־טוב, מיט ניי־יאָר־בעלער וכדומה. אָבער עס איז שווער, און אפשר לגמרי אוממעגלעך אויסצוהאָדעווען מוטיקע און שטאַלצע מענטשן־יידן אָן שבת און מיט ניי־יאָר־בעלער. כדי א מענטש זאָל זיך אַכטן מוז ער וואַקסן אין א סביבה וווּ מען אַכט זיך. כדי א מענטש זאָל קאָנען ניט מיטגעריסן ווערן מיטן שטראָם, מוז ער וואַקסן אין א סביבה וואָס האָט כוח ניט מיטצוגיין מיטן שטראָם. אָן שבת, יום־טוב, אָן יידישן לשון און יידישן פיר קאָנען קיין שטאָלצע מענטשן־יידן ניט אויסוואַקסן.

און וויכטיק זיינען דאָ ניט די דינים פון שבת, נאָר דאָס עצם רוען מיין שבת, און ניט יענעמס.

שבת־רו אָן דינים איז יידישקייט. פרומקייט אָן שבת־רו, אָן יידיש איז אסימילאציע.

עס איז דאָך ביי חסידים געווען גאָר אַן אנדער שטייגער איידער ביי די ליטווישע מהנגדים. איז דאָך דער שבת אין א פרום פוילישן שטעטל געווען גאָר אנדערש איידער אין א פרומען רעגנסבורג אמאָל, צי גאָר אין א קאָרדאָווע אין שפאניע צי ערגעץ אנדערשוווּ. לאָז איך פון די נאַיווע אָדער צבויאקישע פּאָלעמיסטן, וואָס כאַפּן מיך ביי דער האנט: "הא, איר ווילט שבת, טאָ וואָס זשע שפּילט מען ביי אייך פּיאנאָ?" דאָס זיינען טענות פון וועלטלעכע יידן, וואָס קענען דענקען בלויז רעליגיעז־טעאָלאָגיש. פאר מיר איז עס אזוי פשוט: שבת איז דער רו־טאָג פון מיין טראַדיציע, פון מיין נאַציאָנאַלן יחוס, ניט דער פרעמדער זונטאָג. איך פיל דעם שבת מיינעם אָן מיט יום טובדיקייט און אקטיווקייט פון מיין היינטיקן יידישן גלויבן. און אזוי כסדר, כסדר בנוגע צו אַלע אנדערע עלעמענטן פון שטייגער : אַלטע לאָגלען — נייער ווייַן, ווייַן פון גלויבן, פון הארצן. אַלטע, טראַדיציע־פאָרמעס מיט אונדזער נייעם אינהאַלט. אמת — אָט דער גלויבן־שטייגער איז נאָך ביי אונדז לגמרי ניט אויסגעארבעט. ניט קלאָר אפילו אין די מוהות. נו, פארשטייט זיך, אז מיר האָבן זיך נאָך לגמרי ניט אויסגעפּלאָנטערט פון די צעפּלאָנטערטע נעצן פון דענקען מיט פרעמדע געדאנקען. מיר טומלען זיך נאָך אַלץ אויף טויזנט וועגן און ניט איינעם און שטייגער איז תמיד א סימן און א רעזולטאַט פון מאָניסטישער קלאָרקייט — איין וועג, איין גאנג, איין "הלכה" — איין שטייגער. דאָס דאַרף מען איצט ערשט אָנהויבן און אָנהויבן דאַרף איטלעכער פאר זיך, יעדער גרופּע פאר זיך. זאָל זיין א געמיינזאמער גלויבן אין הארצן וועט די געמיינזאמקייט פון שטייגער קומען.

3) און דער דריטער גרונט־פּרינציפּ פון אונדזער היינטיקער יידישקייט איז תורה, ווידעראַמאָל תורה. אָבער תורה מיינט לערנען, און לערנען איז ביי אונדז ניט דאָס וואָס ביי אנדערע. ניט וויסן, ניט קלאָר זיין, ניט בקיאות, ניט אויסלערנען צו געדענקען שריפטן און וויסנשאפטן, און חכמות און הייליקייטן. לערנען ביי אונדז הייסט דרשענען, שמידן כסדר און פורעמען נייע און נייע געדאנקען, אידעעם באַגריפן פון דעם אַלטן שטאָף. לערנען מיינט ארייַנפלעכטן אונדזער היינטיקן גלויבן אין דער אַלטער און אייביקער "גאָלדענער קייט". ר' עקיבא פלעגט דרשענען "תילי תילים של הלכות" — בערג מיט שטייגער נאָרמעס אויף יעדער שטריכעלע פון דער תורה. תורה לערנען מיינט היטן דעם המשך, אז דאָס נייע זאָל זיין פונקט אזוי היימיש ווי דאָס איז וואָס מיר זיינען אויסגעוואַקסן, אז אין דעם גאַנצן כסדרדיקן נייעם זאָל זיין בלויז אָנוווּקס, בלויז צעקנאָספּונג, צעצווייגונג, צעבליונג אויף די אַלטע אייגענע שטאַמען.

שעפעריש איז עוואָלוציע און יעדע רעוואָלוציע וואָס איז ניט דער לעצטער אקט פון א דויערנדיקער עוואָלוציע איז ניט שעפעריש, נאָר צעשטעריש. און אָט דאָס הייסט לערנען און אָט דאָס דאַרף הייסן לערנען פאַר די יידן וואָס ווילן זיין יידן. און אין אָט דעם לערנען דאַרפן וואַקסן דורות, אין דעם דאַרף מען האָדעווען קינדער. אַז אָט דעם וועג פון לערנען קען מען קיין יידן ניט אויסהאָדעווען.

אָבער פון דעם לערנען זיינען ניט באַפרייט און טאָרן ניט זיין באַפרייט אויך דערוואַקסענע, אַלטע. פאַר די וואָס "לערנען" איז ביי זיי א מיטל אויסצולערנען זיך עפּעס, פאַר זיי האָט לערנען א סוף. פאַר אונדז — בשום אופן. אין דעם מאָמענט, ווען א ייד הערט אויף צו לערנען, ווי מיר פאַרשטייען עס דאָ, — אין דעם מאָמענט רייסט ער איבער פאַר זיך זיין קייט פון לעבעדי־קער יידישקייט אין זיין פּריוואַטן לעבן. און פון יחידים באַשטייט דאָס גאַנץ פאָלק.

באַזאָרגן די צוקונפט פון יידן אויף דער וועלט וועט מען קענען בלויז און נאָר באַזאָרגנדיק די צוקונפט פון יידישקייט אין די נשמות פון די יידן.

די וואָס זאָרגן וועגן יידן ניט זאָרגנדיק וועגן יידישקייט זיינען — אָדער טרוימער פון געגאַרטער און אוממעגלעכער אסימילאַציע, אָדער סתם אָפּגעשטאַנענע וואָס באַגרייפן ניט די ראָלע פון אינעווייניקסטער, מאָראַלישער ענערגיע אין אויפבוי פון א פאָלק.

יידישקייט קען איינגעפלאַנצט ווערן ניט מיט רייד און אגיטאַציע. עס איז אויך ניט וויכטיק דאָס אויסלערנען אין שולן. — מען דאַרף אויסוואַקסן אין יידישקייט, מען דאַרף א קינדהייט פאַרברענגען אין אויסגעהאַלטענע פּרינציפּן, אין אויסגעהאַלטענעם שטייגער, אין א היים און אין א געזעלשאַפט וואָס פירן זייער לעבן אַזוי און ניט אַנדערש דערפאַר ווייל מען איז יידן . . .

1) קאַטעגאָרישע געבאָטן און פאַרבאָטן אין פיר פון לעבן. פון דעם וואַקסט אויס א מאָראַלישע דיסציפּלין. אַז "מיר מוזן" און "מען טאָר ניטס" אין ערשטן דור איז ניט צו דערוואַרטן קיין מאָראַלישע פעסטקייט אין צווייטן דור.

ניט בלויז רעליגיע, ניט בלויז נאַציאָנאַל וועלטלעכע אידישקייט. — די עלעמענטאַרע מענטשישקייט שטייט אין קאָן . . .

2) אקטיווער אָפּזאָג פון פרעמדע זיטן און מינהגים אין שפּראַך, אין נעמען, אין יום־טובים און אין אַלץ. קענען אליין און איינגעווייניען קינדער ניט נאָכצוגיין נאָכן שטראָם — דאָס איז יידישקייט.

3) לערנען. ניט אויסלערנען. ניט עפעס א באשטימטער קוריקולום פאר שולן בלויז, נאר לערנען כסדר ווי א עלעמענט פון לעבן. ניט אויסלערנען כדי צוצוגרייטן צום לעבן דארף א שול, נאר איינגעווייגען און צוגעווייגען צו לערנען א גאנץ לעבן. דאס קאן דערגרייכט ווערן בלויז אין אייגענע גאנצע יידישע שולן.

א פאלק וואס גיט איבער די דערציונג פון זיינע קינדער א צווייטן פאלק, איז מפקיר זיין צוקונפט און דעם גורל פון זיינע קינדער פאר דעם צופאל. קיין זיכערן קיום קען מען ניט דערווארטן. דאס איז פארלאזן זיך אויפן חסד און גוטסקייט פון בעלי בתים. און ווי לאנג קענען דורות פון א פאלק לעבן מיט פרעמדן חסד, ווען קיין אייגענע גייסטיקע ענערגיע אליין צו לעבן איז ניטא ? . . ווען, רבש"ע, וועלן יידן דערפילן אט דעם פשוטן און גורלדיקן אמת ?

אט דאס זיינען די דריי פרינציפן פון אונדזער יידישקייט, די יסודות וואס אויף זיי שטייט אונדזער וועלט. אל דאס איבעריקע, די דעטאליזירונג, די פרטים, די עלעמענטן און זייער אוניפיצירונג, — דאס אלץ דארף און וועט קומען שפעטער אין גאנג פון פראקטישן לעבן און פון פראקטישן לעבן ארויס

כ. און באחרית הימים . . .

קלאר אין לעצטנדיקן רעזולטאט פירט אט די גייסטיק־קולטורעלע איזאלאציע צו געדאנקען וועגן סאציאלע און טעריטאריעלער איזאלירונג — צו ציוניזם, צו טעריטאריאליזם. — אן ספק : דער גרינגסטער און נאטירלעכסטער אופן זיך צו שאפן א גייסטיקע היים, — א היים פארן גייסט פון פאלק —איז א פיזישע היים. נאך מער — איך גלויב קוים אז יידן וועלן ערגעץ ווו ווייטער קענען לעבן ניט אין טעריטאריעלער קאנצענטרירטקייט. מען דארף געדענקען, אז די פארשטעלונג וועגן א קאסמאפאליטישער מלוכה מיט גלייכהייט פאר אלע בירגער, וואס איז געבארן געווארן אין דער פראנצויזישער רעוואלוציע, איז געשטארבן ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער באגריף פאלק, נאציע האט אין צוואנציקסטן י"ה גובר געווען דעם באגריף לאנד, מלוכה. צוזאמען מיט דער פארשטעלונג פון גלייכע בירגער און א איבער־נאציאנאלער מלוכה איז געבארן געווארן ביי יידן דער גלויבן צו קענען לעבן סוספענדירט צווישן פעלקער. מיט דעם אפשטארבן פון דעם באגריף, האבן ווייטער קיין שום גרונט ניט די האפענונגען פון יידן צו קענען פריי לעבן צווישן אנדערע פעלקער. געענדיקט! אויב עס זיינען איצט נאך פאראן לענדער, ווו מען רעדט נאך פון דעם אלטן אפגעשטארבענעם באגריף, איז דאס בלויז די אינערציע פון שפראך, א געוויסער קאנסערוואטיזם אין ריידן, וואס האט שוין אבער ניט יסודות אין לעבן.

און געבארן איז דער נייער באגריף פון נאציאנאלער פארטיילונג ניט אין דער טומאה פון נאציזם און שאוויניזם. פונקט פארקערט — איז דער

נאציאנאלער דראנג געבארן געווארן אין שויס פון פרייהייט־זוכער, אין די
קרייזן פון ראדיקאלן און סאציאליסטן. און היות אבער ווי אין די קרייזן איז
דער נאציאנאלער פרינציפ צוזאמען מיטן סאציאליזם בכלל געווארן א מין
רעליגיעזער קאטעכיזים מיט א צערעמאניע, האבן דעם פרינציפ פון נאציאנא־
לער פארטיילונג פארשלעפט די שדים און זיי נוצן אים אין זייער טאנץ איבער
גאר דער וועלט. און ווי די מלחמה זאל זיך נאך ענדיקן וועט די וועלט נאך איר
זיך איינשטעלן אויף נאציאנאלע יסודות. בייזע אדער גוטע, ריכטיקע אדער
פאלשע, שווארצע אדער העלע, — אבער הערשן וועט דער נאציאנאלער פרינ־
ציפ. במילא וועט דער אידעאל פון דער גרעסטער מערהייט יידן צו זיין סוספענ־
דירט צווישן פעלקער ניט קענען אנהאלטן. אדער די יידן אליין וועלן זיך איזא־
לירן און קאנצענטרירן אין שפעריש אויפגעבויטע היים־לענדער אדער מען וועט
זיי קאנצענטרירן אן זייער ווילן און קעגן זייער ווילן. אזוי ארום איז עס לגמרי
ניט קיין פראגע צו דיסקוטירן — צי עס איז גוט אדער שלעכט, צי עס לוינט
אדער ניט, — עס איז א באפעל פון דער געשיכטע, — די קורצע הפסקה פון א
הונדערט מיט עפעס יארן פון כלומרשטער גלייכער בירגערשאפט פאר יידן איז
פאריבער. איז דער גורל פון יידישן פאלק — אין א טעריטאריעלער קאנ־
צענטרירטקייט. קיין ספק ניטא. פארוואס אבער איך שטעל עס ניט ארויס ווי
א פרינציפ? — דאס איז ווייל אז יענע דריי פרינציפן קען אויך קיין שום
טעריטאריע־פרינציפ ניט מקוים ווערן; אפילו ווען אלץ זאל זיין אנגעגרייט.
מיט יענע דריי יסודות וועט דער ריכטיקער אויסוועג קומען.

9 פעברואר 1941, וויניפעג